С (Евр)
Г635

מ. גאָלדשטיין

# בירעבידזשאַנער אויפן אַמור

פאַרלאַג „עמעס“, מאָסקווע, 1934

С(Евр)
Г 635

מ. גאָלדשטיין

# בירעבידזשאנער אפן אמור

דערציילונג

РЕДКИЙ ФОНД
Еврейская автономная областная научная библиотека им. Шолом-Алейхема
СЕКТОР НАЦИОНАЛЬНО-КРАЕВЕДЧЕСКОЙ ЛИТЕРАТУРЫ
Фонд национальной литературы
КОЛЛЕКЦИЯ КРАЕВЕДЧЕСКИХ ИЗДАНИЙ

פארלאג „עמעס“, מאָסקווע 1934

# קאפּיטל איינס

די ערשטע רייענ האָבנ פאַרנומענ די קאָמונאַרנ היי-שניטער.

— היינט זיינענ מיר די מעכוטאָנימ, — טוט א וואָרפ מיטנ קאָפּ בערקע, — די אמעריקאַנצעס מעגנ זיכ היינט זעצנ אויבנ אָנ בא דער טיש.

די אמעריקאַנער דרייענ זיכ ארומ איבער דער נייער גרויסער, נאָר-וואָס געעפנטער קיכ, וואָס זעט אויס אנטקעגנ דעמ פריִערדיקנ פאַרוי-כערטנ ווינקל אינ באַראַקל גאָר לייטיש. זיי מאַכנ זיכ ניט וויסנדיק פונ בערקעס כאָכמע. אָנגעטאָנ אינ בונטע פידזשאַקעס, אינ דינע זיי-דענע העמדער מיט שניפּסנ, שיינענ זיי היינט גאָר לייטיש. די ווייבער זייערע האָבנ היינט צומ ערשטנ מאָל ארויסגענומענ פונ די קאַסטנס דינע, זיידענע, ברייטע הויזנ מיט צאַצקעדיקע שטעק-שיכ אפ הויכע קלעצלעכ, וואָס קלאַפּנ צו צומ טאַקט באַמ גיינ. די הויכע אָפּצאַסנ זאָגנ אָנ:

— טאַטאַ-טאַ, אמעריקאַנער גייענ! טאַ-טאַ-טאַ, אמעריקאַנער גייענ!

די עלעקטרע שיינט היינט, דוכט זיכ, העלער און באַלייכט פרייל עכ די אַלע, וואָס זיינענ געקומענ אפנ אָוונט פאַר די קאָמונאַרנ-היישני-טער.

די קאָמונאַרנ לאַכנ, זייערע קודלעוואַטע קעפּ טרייסלענ זיכ אינ אַלע זייטנ, די צעכראַסטעטע הערצער הייבנ זיכ צומ טאַקט. אינ זאַל איז פריילעכ.

די פענצטער פונ דער קיכ שטייענ אָפנ. דורכ די דינע ווייסע סעט-קעס רייסט זיכ אריינ אהער די פריילעכע קלאַפּעריי פונ דער דינאַמאָ.

— כעוורע, צייט אָנהייבנ, דערלאַנגט! — גיט בערקע א וועק דעמ אוילעמ. כעוורע כאַפּט זיכ, אז ס'איז שוינ טאַקע צייט און דערלאַנגט מיט הענט און מיט פיס. א טופּעריי, א פּליאַסקעריי הייבט זיכ אופּ און פּיוקע רוקט אריינ צוויי פינגער אינ מויל און גיט א שניט די לופט מיט א הילכיקנ פייפ.

מיט א פארפלאמט, יאָנטעוודיק־באשײַנט פּאָנעם, קומט צו לויפנ זעלדע די גראָבע, זי גיט א וואָרפ די צווײ הענט אירע אינ די פאר־קאשערטע ארבל און צעשרײַט זיך מיט א ברײטנ שמײכל:

— הײ, יאטנ! וואָס האָט איר זיך אזוי צעהאָצקעט, וואָס איז, די בעטשעניע האָט אײַך פארשמעקט?

— סלעמראק — טראָגט איר פּײַוקע אנטקעגנ איר צונעמעניש.

— ווי איך בינ א ייִד, זי שלעפט ווי א „קאטערפילער" — גיט זיך בערקע א זעץ אינ הארצנ.

— דאָס פירסטו די בריגאדע, אזא מאזל אפ דיר, בערקע, וואָס פאר א בריגאדיר דו ביסט!

כעוורע צעפילדערט זיך:

— אינ א גראבילקע, אינ א קאָסילקע וועט מענ דיך אײַנשפאנענ, וועסטו שלעפנ פאר צענ!

— כ'וועל אזוי אויך ארבעטנ מער פאר אײַך.

— זי איז אינ דײַנ בריגאדע, בערקע? — פרעגט זײַטיק דער על־טער ברײטער.

— נײנ, אינ ריווקינס.

— אלע בעסטע ארבעטערס האָט זיך גענומענ ריווקינ, די ארגענ־טינצעס זײַנענ אלע אינ זײַנ בריגאדע — צעוואָרעמט זיך דער על־טער ברײטער, וואָס איז די גאנצע צײַט געזעסנ און האָט זיך געפילט ווי אפ א פרעמדער כאסענע.

— זע נאָר ווער סע רעדט, א סימוליאנט! גיט זעלדע א קרימ דאָס פּאָנעמ און קערט זיך אָפ פונ זײ.

— מיר האָט מענ שוינ אויך געגעבנ גוטע ארבעטער, גרויסע — ענטפערט בערקע ברײטערנ — בא מיר איז פריד אונ די כאווערטע גרוניע.

— האַהאַ — גיט בערקע א וואָרפ דעמ קאָפּ ארופ און אראָפ — דיר האָט מענ געגעבנ די גרויסע, די פארטײיִשע. דו ביסט דער ספּעצ און זײ וועלנ מיט דיר אָנפירנ.

— כ'פײַפ אפ זײ. כ'וועל זײ געבנ די לײצעס, זאָלנ זײ פירנ די פערד.

— נו, נו, בערקע, פײַפ ניט, זע נאָר זײ זאָלנ דיך ניט באפײַפנ!

אלע גיבנ זיך מיטאמאָל א קער אפ הינטנ, קוקנ זיך אומ, הינטער זײ זיצט זלאטקינ.

— זלאַטקינ! דו... הייליקער קאָמיוניסט. וואָס נעמסטו זיך עפּעס אָנ פאַר די אַמעריקאַנצעס?

— ניינ, פאַר די פּאַרטייִשע נעמט ער זיך אָנ.

— ער האָט דאָך געקראָגנ אַ נײַעמ בילעט.

— ס'ט געהערט ווי ער האָט געשוווירנ?

זיי וואַרפנ אַריבער די פיס אויף דער אַנדערער זײַט באַנק אונ כוי־ ועקנ פונ זלאַטקינענ.

זלאַטקינ ריצט אויף לאַנגזאַם אַרויס פונ [illegible] וואָס איז בײַ אימ איבערגעבראָכנ פּונקט אינ דער מיט. זײַנ קלײַענדיק פּאָנעם איז אָפּגעבערענט אונ דאָס האַרץ קוקט אַרויס פונעמ צעבראָסטעטנ העמדל אַ ברוינס אונ איז ווי דאָס פּאָנעם אויסגעשיט מיט געלנ מאָנ... ער לאַכט, זלאַטקינ, ער וויל עפּעס זאָגנ, ס'איז קאָנטיק, אַז ער זוכט עפּעס אַ וואָרט אונ ס'קומט אימ אָנ שווער דאָס וואָרט צו פּאַקנ, לאַכט ער, אונ הערט דערווײַל אויס די אַלע כוויזעק־ווערטער. דערנאָך פּאַקט ער דאָס וואָרט אונ גיט אַ זאָג אַרויס:

— אַ קרענק האָט איר געקראָגנ נײַע בילעטנ, מע האָט אײַך אַרויס־געשמיסנ פונ קאָמיוג!..

זלאַטקינ באַמערקט, ווי אייניקע פּענעמער צעלאַכנ זיך אונ אַנדערע פאַרקרימענ זיך...

---

מייער רובינ רײַבט שוינ צוויי טעג דעמ שטערנ. צומ היי־שניט האָט מענ אימ ניט פאַרשריבנ, ווײַל ער איז נאָך אַ קרענק. צומ היי־שניט דאַרפ מענ זײַנ שטאַרק. עמעס, ער פילט זיך שוינ געזונט, נאָר אַרבעטנ אַרבעט ער נאָך ניט, ער רוט נאָך אָפּ אונ דערפאַר טאָקע האָט מענ אימ ניט פאַרשריבנ. גייט ער אַרומ אונ רײַבט דעמ שטערנ — זאָל ער זיך פאַרשרײַבנ, צי ניט? קויעכ האָט ער, דאָס פילט ער, אונ אַז ער דאַרפ גיינ צומ היי־שניט, איז עס איז גאָר אַ וויכטיקע קאַמפּאַ־ניע איצט אָ — פילט ער אויכ, אונ באַזונדערס ווייסט ער, אַז ער מוז שוינ אָנטיילנעמענ אינ אַזעלכער ס'איז קאַמפּאַניע, ווײַל אינ דעמ יאָר, וואָס ער איז אינ בירעבידזשאַנ, האָט ער אינ קיינ איינ קאַמפּאַ־ניע קיינ אָנטייל ניט גענומענ. האָט מענ אימ אויסגעטיילט אינ אַ ברי־גאַדע אויפ וואַלד־פאַרגרייט, האָט ער זיך דערשראָקנ פאַרנ ווינטער אינ דער טײַגע אונ האָט זיך אָפּגעזאָגט. צו דער פאַרזיי־קאַמפּאַניע איז ער

יאָ געגאנגענ, נאָר נאָכ אכט טעג אָפּארבעטנ, איז ער אוועק פונ פעלד, ווײַל מיט די „ווילדע", „אומקולטורעלע" קאָמונארנ האָט ער ניט געקאָנט ארבעטנ, איצט טוט עס אימ באנג. איצט וויל ער אָפּצאָלנ פאר באגאנגענע אוולעס אונ אָפּצאָלנ וויל ער גוט אונ א סאכ, עס זאָל זיכ אָנזענ. איצט צומ היי-שניט מוז ער גיינ, עפּעס טאָטשעט אימ אינ מויעכ. ער האָט ניט קיינ מוירע פאר די שווערִיקײַטנ: פאר די קאָמארעס, פאר די היצנ, פארנ לאנגנ ארבעטטאָג, ער האָט דערפאר קיינ מוירע ניט. שרעקנ שרעקט אימ נאָר די כעוורע: „וויאזוי וועט ער מיט זיי לעבנ א צײַט פונ צוויי כאדאָשימ אפנ ברעג פונ אמור?" איצט זיצט ער פונווײַטנס אונ קוקט זיכ צו צומ טומלענ פונ די קאָמונארנ. רײַבט ער דערפאר דעמ שטערנ, אונ נאָכ שטארקער רײַבט ער אימ איצט דערפאר, ווײַל אָט־אָט וועט זיכ די פארזאמלונג אָנהייבנ אונ ער וועט פארשפּעטיקנ מיט זײַנ מעלדונג, אונ די מעלדונג מוז ער מאכנ הײַנט, אפ דער פארזאמלונג. „ס'וועט מאכנ אנ אײַנדרוק" — טראכט ער. גייט ער ארויס אינ דרויסנ, רײַסט אָפּ א צווײַגל פונ א קוסט אפ אָפּצוטרײַבנ פונ זיכ די קאָמארעס אונ לאָזט זיכ שפּרײַזנ איבערנ הילצערנעמ טראָטואר, וואָס ארומ דער שטוב.

די נאכט איז א שיינע, א שמעקעדיקע, א מעכײַעדיקע נאכט. דער הימל איז פול באזעצט מיט שטערנ. אינ אזא נאכט, דערמאָנט זיכ רובינ, זײַנעג זיי געקומענ—די ערשטע אויסלענדישע גרופּע ארבעטער אינ דער קאָמונע. נאָר דאנ איז נאָכ דאָ אפ דעמ אָרט גארניט געווענ: ווילדע, פארוואָקסענע טײַגע איז עס געווענ. איצט קלאפּט פריילעכ א דינאמאָ, פונ די סלופּעס, פונ די ווייניקע פרישע סלופּעס לויכטנ ארופ עלעקטרישע לעמפּלעכ. קיינ מענטשנ זײַנענ איצט אינ דרויסנ ניטאָ. ער איז איצט אליינ מיט דעמ פריילעכנ גערויש פונ דער דינאמאָ אונ ס'איז אזוי היימלעכ אפ דער סאָפּקע. די ביימער אונ קוסטעס, וואָס זײַנענ געדיכט באזעצט ארומ דעמ איינציקנ הויז, פילנ אָנ די לופט מיט טײַערע רייכעס, ציט ער אינ זיכ ארײַנ די לופט, מייער רובינ, די ברוסטנ ברייטערנ זיכ אויס אונ ער פילט זיכ אזוי שטארק אונ ער פילט זיכ אזוי גוט, ער האָט ליב דאָס אָרט, דאָ וועט אויסוואקסנ א שטאָט. ביז איצט איז ער געווענ אינ שטעט אינ פּארטיקע, איצט וואקסט אינ טײַגע א שטאָט פאר זײַנע אויגנ. קוקט ער ארופ צומ עלעקטרישנ לעמפּל; דאָס לעמפּל, דוכט זיכ אימ, שײַנט איצט מיט טויזנטער פײַערנ, וואָס האָבנ זיכ צעשפּריצט איבער די

סאַפּקעס אונ האָבנ אָנגעצונדנ די שפּיצנ פונ די ביימער. ער האָט ליב דאָס אָרט, ער האָט דאָ דעמ ערשטנ פומ געשטעלט, ער האָט דאָ געקאָרטשעוועט, געגראָבנ, געמישט ליימ, געפירט זאַמד אונ איצט... ס'האָט אימ א טאַטשע געטאָנ אינ מויער. ער איז געבליבנ שטיינ, א רײַב געטאָנ דעמ שטערנ, דערנאָכ גיכ א שפּרײַז געטאָנ אונ באַשלאָסנ: „איצט מוז מענ ראַטעווענ די קאָמונע! מע מוז שנײַדנ היי!..“

א פרייליכער, א באַשײַנטער גייט ער אַרײַנ אינ קיכ. די פאַרזאַמלונג האָט זיכ שוינ אָנגעהויבנ. אינ פּרעזידיומ זיצט זלאָטקינ פונ קאָמיוג אונ די בריגאַדירנ ריווקינ אונ בערקע. דער פאַרזיצער פונ קאָמונע, כאַווער שולמאַנ, לייענט דעמ סאָצאָפּמאַכ צווישנ ביידע בריגאַדעס אונ רעדט וועגנ דער וויכטיקײַט פונ היי־שניט באַ איצטיקנ מאָמענט:

— ...דאָס פאַראַיאָריקע יאָר איז געווענ א שלעכטס. ס'איז ניט געווענ קיינ היי, האַיאָר מוז זײַנ היי! מ'עט אונטערגיינ אָנ היי! היי פאַר די בעהיימעס, היי פאַר די פערד — איז ברויט פאַר די מענטשנ! — ער עס זיכ אײַנ מיט זײַנ בליק עפּעס אינ א פּאָנעמ אַפ דער לעצטער באַנק אונ גיט א געשריי: — ס'איז א יאָר... ס'איז א יאָר, א... רעשיטעלנע יאָר איז עס! אַפנ גאַנצנ ווײַטנ מיזרעכ אזוי... פאַרשטאַרקנ די גרענעצנ דאַרפ מענ!

די בענק גיבנ זיכ א וויג, דאָס גלעקל אַפנ טיש צעקלינגט זיכ.

— ...אונדזערע גרענעצנ וועלנ זײַנ געשטאַרקט, ווענ מיר וועלנ ווערנ א שטאַרקער פאָרפּאָסט!..

מייער רובינ גיט זיכ באַ די ווערטער גיכ א הייב אונטער אַפ זײַנ בענקל אונ לאָזט זיכ גלײַכ צוריק אַראָפּ. ער דערמאָנט זיכ, אז ער האָט שוינ באַשלאָסנ אונ ווערט אינ דער מינוט געשטאַרקט אינ זײַנ באַשלוס.

— ...דירעס דאַרפ מענ... — זעצט פאָר דער רעדנער. — פערד געזונטע!.. מילכ דאַרפ מענ, מילכ!.. פעטע כאַזיירימ... פלייש דאַרפ מענ, פלייש!.. ברויט!.. אייגנ ברויט... נײַע מענטשנ פאָרנ אַהער, פונ אויסלאַנד פאָרט מענ... א נײַע היימ... זיבעציק טויזנט פּוד היי... אַפ א גאַנצ יאָר פאַרגרייטנ:.. אָט! אונ — פאַרפעסטיקט... פאַרקרעמפּעוועט... מיט צעמענט... אונ זי איז דאָ — די נײַע היימ...

ער בלייבט שטיינ א ווײַלע איבערגעבויגנ איבערנ טישל, גיט א שאָקל מיטנ קאָפּ אַפ „יאָ“, ווי אַנ אויסגעשריי־צייכנ איבער אַלע קעפּ אונ זעצט זיכ אַפ זײַנ פאַרזיצער־בענקל.

אַפ די אַמעריקאַנער בענק רוהערט זיכ.

— טשערמאַנ! * א וואָרט דעמ כאַווער מאַנ, דעמ כאַווער מאַנ גיט א וואָרט — דערהערט זיכ א פּרויענ-קאָל.

דער כאַווער מאַנ, א ריִרעוודיקער, כאַפּט זיכ אַרופ אַפ דער טריבונע, וואָס איז ספּעציעל צונויפגעקלאַפּט געוואָרנ צומ היינטיקנ אָוונט.

— אָלרייט, ** — גיט ער א זאָג, אַריינשטעקנדיק די הענט אינ די הויזנ-קעשענעס, — אָלרייט, מיר בילדנ א נייעמ ראַיאָנ, אונ אייניקע יאָרנ — מיר, אַמעריקאַנער, וואָס האָבנ געלעבט פינפ אונ צוואַנציק יאָר אינ אַמעריקע, וואָס האָבנ געהאַט אייגענע רומס,*** אייגענע מאַשינעס, זיינענ געקומענ אהער אינ בירעבידזשאַנ העלפנ בויענ דעמ סאָציאַליזמ, מיר שטעלנ זיכ ניט אָפ פאַר אַלע שוועריקייטנ, ווייל מיר גלייכנ **** דאָס נייע לעבנ. מיר ווילנ בילדנ אונ וועלנ בילדנ. נאָר פאַרוואָס האָט דער כאַווער „טשערמאַנ“ ניט גערעדט פונ דעמ אַנטאַגאָניזמוס, וואָס ס'הערשט דאָ צווישנ די אַלטע קאָמונאַרנ אונ די אַמעריקאַנער? זיי מיינענ, האָכ, אַז מיר זיינענ געקומענ אויפעסנ זייער אַרבעט, פאַרוואָס זעענ זיי ניט, אַז אונדזער אַרבעט האָט אויכ א ווערט. מאַכנ א שטאַל פאַר בעהיימעס איז האָב אַזוי וויכטיק, ווי שניידנ היי פאַר די בעהיימעס, ביפּראַט, אַז מיר קאָנענ שניידנ היי אויכ. אָלרייט, פאַרשרייבט אַלע אַמעריקאַנער.

— אָלרייט, אָלרייט, טשערמאַנ, פאַרשרייבט! הערנ זיכ שטימענ פונ די אַמעריקאַנער בענק.

שולמאַנ גיִעצט דעמ בלייפעדער, שאָקלט מיטנ קאָפ אונ שמייכלט צו די אַמעריקאַנער.

— פאַרשרייב טאַקע, לאָמיר זענ ווי זיי וועלנ שניידנ אפנ אָמור, די סיסערס — גיט בעריקע א ברומ אונ דאָס פּאָנעמ איז איממ פאַרלאָפנ מיט רויטקייט.

— שוויינ! — גיט צו איממ א זאָג שולמאַנ אונ מעלדעט: — א וואָרט באַקומט דער כאַווער רובינ.

רובינ גיט זיכ האַפּטומ א הייב אופ פונ דער באַנק אונ גייענדיק צו דער טריבונע הערט ער שוינ:

---

* טשערמאַנ — פאָרזיצער.

** אָלרייט — גוט.

*** רומס — צימערנ.

**** מיר גלייכנ — אונדז געפעלט

— די לאגע, וואָס האָט זיך געשאַפנ, טאָר מענ ניט פאַרבײַגײן אַזוי אַ גלאַט... מע מוז זאָגנ, אַז דער אויפנ פונ אופנעמענ די אַמעריקאַנער כאָוויירים איז זײער ניט קײנ אויסגעהאַלטענער מיצאַד די קאָ־מונאַרנ...

די קאָמונאַרנ גיבנ אַ וואַרפ מיט די קעפ.

— איר אַנטלויפט דאָך פונ פּאַסעוו! — גיט פּיַוועקע אַ געשריי.

רובינ בײַט זיך אינ דער פאַרב, לאָזט עטוואָס אַראָפּ דעמ קאָפּ, אָבער זעצט דאָך פאָר:

— די קאָמונאַרנ קוקנ אָפּ די אַמעריקאַנער ווי אָפּ פרעמדע, אָפּ אַזוינע, וואָס ברענגענ ניט קײנ נוצנ. וואָס איז שלעכט, דאָס ליימט די הענט. באַ זײער פיל איבערגעגעבענע אַרבעטער — ער כאַפּט אײ־בער דעמ אָטעמ, גיט אַ ריב דעמ שטערנ אונ בעט מע זאָל אימ פאַרשרײַבנ צו הייזשניט.

— איך וויל אַרבעטנ צוגלײַך מיט די בעסטע, — גיט ער אַ זאָג אונ גייט אַוועק צו די בענק. מע באַגלייט אימ מיט אַ פּאַטשערײַ.

— בעט נאָך ווער אַ וואָרט? — רופט דער פּאָרזיצער.

— גענוג!

— זאָל מענ דערלאַנגענ די פּעטשעניע!

באַמ טיש באַווײַזט זיך ריוויקינ. די בענק, וואָס האָבנ זיך גענומענ צערוקנ, בלײַבנ שטײנ.

— יאַטנ! — גיט זײַנ קאָל אַ קלונג — הערט מיך אויס, מיר גײענ אַרבעטנ צומ אומור. יעדערער דאַרפ וויסנ, אַז די אַרבעט איז אַ שווערע, ס'איז נאָך אַ פאַרפלייצונג, קאָמאַרעס וועלנ בײַסנ, איז זאָל מענ וויסנ, אַז מע וועט ניט דאַרפנ קרעכצנ, נאָר אַרבעטנ. מיר האָבנ אַ פּלאַנ אויסצופילנ, יאַטנ, מיר מוזנ דאָס געדענקענ! די קאָמונע שטייט אינ געפאַר אָנ היי!

די קאָמונאַרנ אַפּלאָדירנ, די בענק צערוקנ זיך, פּיַוועקע גיט אַ שטעק אַרײַנ צוויי פינגער אינ מויל, נאָר מייער רובינ כאַפּט אימ אָנ צו דער צײַט פאַר די הענט. בײדע קוקנ זיך אָנ מיט געפערלעכנ קאַס, דערנאָך צעלאַכט מענ זיך. מע זעצט זיך אויס באַ די טישנ אונ מע דערלאַנגט טײ מיט ווײַסע פּלעצלעך.

## קאפיטל צוויי

פארטאג האבנ די קאמונארנ געהארעוועט באמ ארופשלעפנ די מא־שינעס אפנ בארקאס אונ דער קאטיער האט זיכ, דורכנ אויסגוס, אײַנגעשניטנ אינ דער טונגוסקע. די טונגוסקע האט זיכ די לעצטע צײַט אָנגעטרונקענ פול איבער די ברעגעס אונ האט פארפלייצט אלע פעלדער ארומ זיכ. די סאפקע, ווּ עס בויט זיכ דאס שטעטל, זעט אויס ווי אנ אינדזל. דאס איינציקע ווײַסע הויז, וואס שטייט אפ דער סאפקע אײַנגעטונקענ אינ גרינס, זעט אויס ווי א פאלאצ.

די זונ גייט אופ א פרישע, א ווארעמע אונ באשײַנט די סאפקעס. בא מייער רובינ גלאנצט אופ אנ אויג, ער ווארפט די אויגנ אינ אלע זײַטנ אונ ער קוויקט זיכ:

— וואס זאגסטו, פיַווקע, א קראסאטא, וואס?

פיַווקע ענטפערט אימ ניט. ער זיצט זיכ אפ דער קאסילקע אונ דער קאפ לאזט זיכ בא אימ לאנגזאמ אראפ אפ דער ברוסט. ער הייבט אימ גלײַכ צוריק אופ אונ קוקט אפנ וואסער.

כעווּרע צעלייגנ זיכ אפנ בארקאס. מע אָרדנט זיכ אײַנ אפ די קא־סילקעס, אפ די וועגענער, אפ די קאסטנס אונ אפ די פעסער אונ מע כאפט א דרעמל. די פאריקע נאכט איז מענ ניט געשלאפנ. עלטערע מענטשנ, וואס וווינענ אינ שכיינעס מיט דער קיכ, ווּ דער אוונט איז נעכטנ פארגעקומענ, האבנ א גאנצע נאכט געקרעכצט: „ווּ נעמט זיכ צו זיי אזא קייעב, א גאנצע נאכט צו הוליענ". דערנאכ איז מענ געקראכנ אינ וואסער אונ געשוויצט באמ שלעפנ די שינעס מיט די וועגענער אפנ בארקאס ארופ אונ באמ ארויספראוונ ריוזיקינענ מיט א בריגאדע, וואס האבנ זיכ מיט דער טריקעניש אוועקגעלאזט מיט די פערד צומ אמור. עטעמט מענ איצט אפ די וועגענער, כראפעט מענ איצט אפ די קאסטנס אונ דער מאטאר קלאפט אינ וואסער אונ שלעפט דעמ כראפנדיקנ בארקאס.

עס שלאפנ ניט מייער רובינ אונ פיַווקע. ביידע האבנ זיי זיכ בא־זעצט אפ די קאסילקעס, קוקנ אינ וואסער אונ שווײַגנ. די זונ שײַנט אונ ווארעמט, טריקנט די נאסע הויזנ פונ די קאמונארנ. פיַווקע, וואס זעט אויס לויט זײַנ פעסטקײַט אונ געבוי א יאר דרײַסיק אונ איז אינדערעמעסנ אלט ניט מער ווי דרײַ אונ צוואנציק, קוקט זײַטיק אפ רובינענ מיט אײנ אויג, דאס צווייטע אויג דרעמלט.

— זאָג, דו אמעריקאנעצ, פארוואָס זײַנענ דײַנע הויזנ ניט נאס? דו ביסט האָכ אויכעט געווענ אינ וואסער — פרעגט, ער, קוקנדיק מיט איינ אויג אפ רובינס גרינע זומערדיקע הויזנ אונ אפ דער ווײַ־סער העמד מיטנ גרויסנ זומערדיקנ, אמעריקאנער קאָלנער.

— אָט הענגענ זיי, מײַנע הויזנ. כ'האָב איבערגעטאָנ אנדערע — ענטפערט רובינ אָנ כיישעק.

ביידע שווײַגנ ווידער אונ קוקנ זײַטיק איינער אפנ אנדערנ: פײַוו־קע קוקט אפ רובינס געלאָקטנ קאָפּ, אפ זײַנ קלאָר זויבער אָנטאָנ, אפ זײַנ ווײַסער הויט. אונ רובינ קוקט אפ פײַוועס צעקנייטשט היטל, פונוואנענ עס הענגענ אראָפּ פאסנ האָר אפנ האַרטנ, ברוינעמ, שלעכט ראזירטנ פּאָנעמ. ער קוקט אפ זײַנ צעכראסטעט העמדל אונ אפ די הויזנ, וואָס טריקענענ זיכ אפ די פיס. „ער האָט מיכ פײַנט — טראכט ער — פונקט ווי זיי האָבנ פײַנט אלע אמעריקאנצעס". דער געדאנק איז בא אימ א פעסטער, אָנ שומ צווייפל. ער פילט עס אינ פײַוועס בליק, וואָס איז קרומ אָנגעהאנגענ אפ אימ אונ אויכ אינ זײַנ שווײַגנ.

רובינ שפארט אָנ דעמ שטערנ אפ א פויסט אונ נאָכ א פאָר מי־נוט טראכטנ נעמט ער זיכ וועקנ פײַוועס אײַנגעדרעמלט אויג.

— פײַווקע, פײַווקע, הער זיכ נאָר אײַנ!

— לאָז שלאָפנ, אמעריקאנעצ, — גיט פײַווקע א מרוקע.

— וועסט נאָכ שלאָפנ, דער טאָג איז נאָכ גרויס, זאָג, פײַווקע, ביסט שוינ לאנג אינ קאָמונע?

— פיר יערלעכ.

— אפ היי־שניט ביסטו האָכ געווענ אוואדע.

— פיר מאָל, אמעריקאנעצ.

— קענסטו גוט מיט דער קאָסע?

אלס ענטפער צעגיסט זיכ א שמייכל אפ פײַוועס פּאָנעמ. רובינ ווייסט, אז פײַווקע איז דער בעסטער שניטער, אז ער גיט זיכ א לאָז מיט דער קאָסע, קאָנ אימ קיינער ניט אָניאָגנ אונ רובינ טראכט, אז גוט וואָלט געווענ, ווענ ער קאָנ זיכ מיט אימ אויסגלײַכנ, ווײַזנ זיי, אז די אמעריקאנצעס טויגנ אויכ צו עפעס. ער כאָזערט איבער אינ געדאנק פײַוועס ענטפער „פיר מאָל", „פיר מאָל" אונ ער, רובינ, דער ארגענטינער סטאָליער, וואָס האָט נאָכ קיינ קאָסע אינ האנט ניט געהאלטנ, מוז זיכ מיט אימ אויסגלײַכנ. ער פארבײַסט א ליפּ, פאר־

פּעסטיקט עפּעס בא זיכ איינ געראַנק אונ גיט זיכ ווידער א וואָרפ צו פּיוּוקען.

— פּיוּוקע, לאָמיר ביידע שליסנ א סאָצגעוועט.

— א וואָס?

— א סאָצגעוועט.

— און וואָס? — פרעגט איבער פּיוּוקע.

— אז צו די צוויי וואָכנ וועלנ מיר זיכ ביידע אויסגלייכנ, כאָטש דו ביסט שוינ געווענ פיר מאָל אפ היי־שניט אונ ביסט דער בעסטער שניטער פונ קאָמונע אונ איכ האָב נאָכ קיינ קאָסע איינ האַנט ניט געהאַלטנ.

פּיוּוקע האָט זיכ אויסגעגלייכט, אופגעעפנט דאָס צווייטע אויג אונ אָפּגעמאָסטנ רובינענ מיט ביידע אויגנ.

— עכ! — האָט ער א זאָג געטאָנ, ארויסגעלאָזנ פונ דער קאָ־סילקע — דערלאַנג א פּינטל אמעריקאַנעצ, שרייב דעמ האָגאָוואָר.

מייער רובינ האָט זיכ געזעצט שרייבנ דעמ אָפּמאַכ.

באַטאָג, ווענ דער קאָכער האָט שוינ געשניטנ דאָס וואַסער פונ אמור אונ פּונויטנס האָט געשניטנ די באַרגיקע שטאָט כאַבאַראָווסק, האָבנ קאָמונאַרנ, בא טעפּלעכ סמעטענע מיט שטיקער ברויט קאָמענ־טירט דעמ אָפּמאַכ צווישנ רובינענ אונ פּיוּוקען. אלע האָבנ געהאַלטנ פאַר זיכער, אז רובינ וועט פאַרשפּילנ. בערקע האָט פונ אימ געכויזעקט:

— דו וועסט ניסט אויסהאַלטנ, דו האָסט דאָכ נאָכ קיינמאָל קיינ היי ניסט געשניטנ. בא די טישלעכ, בא די סאָפּקעס קענסטו זיכ זיינ א סיסער, נאָר ניט אפנ אמור.

— זאָל ער, וואָס אַרט עס דיכ, בערקע, עפּשער יאָ, ער איז דאָכ אנ אמעריקאַנעצ, וואָס קאָנ מענ וויסנ, עפּשער יאָ, — האָט זיכ פּיוּוקע געמאַכט קאַלט.

בערקע איז געשטאַנענ מיטנ טעפּל סמעטענע אינ דער האַנט אונ געכויזעקט מיט זיינע קליינע אייגעלעכ. ער האָט איינגעטונקענ א שטיק ברויט, א פּאַק געטאָנ דאָס ווייסע שטיק ברויט אינ מויל אונ א געשריי געטאָנ מיט פולע באַקנ:

— סאַ, סאַ! ווייסט איר גאָר וואָס, כעווערע, דעמ האָגאָוואָר דאַרפ מענ פּעצאַטעווענ אינ „בירעבידזשאַנער שטערנ". זאָל ער טאַקע זיינ ווי עס דאַרפ צו זיינ, ניט סתאַמ א שטיקל פּאַפּיר...

ער איז געשטאַנען מיט אַ ווײַסער אויסגעשמירטער מאָרדע און געקוקט אַרויסגעוואָרפעניש אויף רובינען.

— גוט, — האָט רובין אײַנגעשטימט, — גוט, מע קאָן עס אָפּ־דרוקן, און אַפֿילו איז ניט קיין שטיקל פּאַפּיר, ביסט געערגערט, בערקע, געערגערט.

פֿון אַלע זײַטן האָט מען געקוקט אויף רובינען ווי אויף אײנעם, וואָס האָט זיך שטאַרק באַנאַרישט...

— דו ביסט ניט געשלאָפֿן אַ גאַנצן מאָרגן, רובין? — פֿרעגט מאַן מיט אַ שמייכעלע.

— ניין, ניט געשלאָפֿן — ענטפֿערט רובין אָפּגעהאַקט.

— האָסט בעסער געדאַרפֿט שלאָפֿן — פֿאַרענדיקט בערקע די רייד.

רובין ווישט האָס טעפּל מיט אַ שטיקל ברויט און קײַט און אָנגעערגערט.

דער קאַטיער סאָפּעט אָפּן אַמור. פֿונווײַטנס זעט זיך און דערנע־ענטערט זיך אַלץ מער די גרויסע אײַזנבאַן־בריק. כעוורע פֿינטלען מיט די אויגן.

— אָט אַ בריק!

— אין אַמעריקע איז דאָ אַזאַ בריק?

— „שור"* איז דאָ.

— אַזאַ גרויסע?

— אַ גרעסערע.

— גרעסערע? די האַלט דאָך דרײַ קילאָמעטער.

— פֿאַראַן לענגערע אין אַמעריקע.

— אָבער די איז אויך אַ גרויסע, — בעט זיך זלאַטקין.

— נו „שור" רעכנט זיך די בריק פֿון די גרויסע בריקן אין דער וועלט.

— מ'עט בײַ אונדז מאַכן גרעסערע. בײַ אונדז מוז מען מאַכן די גרעסטע בריק אין דער וועלט....

דער אַמעריקאַנער מאַן שמייכלט.

— יאָ, יאָ, לאַכט ניט, אַוואַדע וועט מען מאַכן — היצט זיך דער קלײנער ברייטער מיט די קורצע הייזלעך און קוקט אויפֿן טאַטן, זאָל ער אויך עפּעס זאָגן אָט וועגן דער דאָזיקער בריק.

* שור — געוויס, זיכער.

— וואס שפארסטו זיכ, — זאגט דער אלטער ברייטער, — א מענטש איז געקומענ פונ אמעריקע, מיסטאמע ווייסט ער בעסער.

— אמעריקע, אמעריקע, — קרימט זיכ דער קליינער ברייטער, — מיר וועלנ אמעריקע אריבעריאגנ, ס'ט געלייענט סטאלינס רעדע?

קיינ ארלאווקע זײַנענ די קאמונארנ אנגעקומענ פארנאכט. פישער זײַנענ געזעסנ באמ ברעג אונ האבנ געטריקנט זייערע נעצנ. פונ די שטיבער זײַנענ ארויסגעקומענ די אײַנוווינער אונ האבנ הײַנט קעלטער ווי די פריערדיקע יארנ אופגענומענ די קאמונארנ. לאפאטינ, אנ אלטער פישער מיט א ווײַסער בארד, האט זיכ געבייזערט, ווי א זיידע אפ אייניקלעכ, ווענ זיי לאזנ זיכ אפ א געפערלעכנ וועג.

— וועלכער גוטער יאר האט אײַכ הײַנט אלע אהער געבראכט, נאכ א פארפלייצונג? דער אינדזל איז דאכ פארגאסנ אונ א פארפלייצונג וועט דאכ נאכ קומענ א נײַע.

— דאס וואסער פאלט דאכ, פעטער לאפאטינ, — רופט זיכ אָנ פריוד, דער באפולמעכטיקטער פונ פארטייזקעמערל פונ דער קאמונע.

— יא, ס'פאלט, בייזערט זיכ אלץ לאפאטינ, — ס'פאלט אפ איינ סאנטימעטער א מעסלעס, זיצ אונ ווארט ביז דאס וואסער וועט אפפאלנ, אז דארטנ איז א מעטער די הייכ וואסער.

— דאס פאלנ פונ וואסער וועט זיכ פארשטארקנ מיט יעדנ טאג, מיר זײַנענ געוועזנ אינ שטאט, די סטאנציע ווײַזט.

— די סטאנציע האט מיט צוויי וואכנ צוריק אויכ געוויזנ, אז דאס וואסער וועט פאלנ, צומ סאפ האט דאס וואסער ארײַנגעשלאגנ אינ די שטיבער, — איז לאפאטינ באשטאנענ אפ זײַנס.

— איצט וועט דאס וואסער פאלנ שטארקער, אז די סטאנציע ווײַזט אזוי, — האט זיכ צו אלעמענס איבערראשונג דערהערט דאס יונגע דרייסטע קאל פונעמ קליינעמ ברייטער. דער אלטער ברייטער האט זיכ א קער געטאנ צו אימ, מיט א פארשטיקט קאל אימ א זידל געטאנ, א צי געטאנ פארנ ארבל.

— גיי, סמארק קלייגער, מיש זיכ ניט ארײַנ, מיסטאמע אז אנ אלטער פישער זאגט, ווייסט ער בעסער. — ער האט דערבײַ א קנייטש געטאנ די אויגנ אונ א קריצ געטאנ מיט די ציינ.

די קאמונארנ זײַנענ געבליבנ שטיינ באמ ברעג פארלוירענע, ווי געקומענע אפ א יאריד, וואס האבנ פלוצעמ דערהערט, אז דער יאריד וועט ניט פארקומענ.

פריד מיט בערקענ זײַנענ אַװעקגעגאַנגענ אינ א זײַט, נאָכ זײ איז נאָכגעגאַנגענ רוביג, זלאַטקינ אונ גרוניע. פאַר זײ זײַנענ לאַפּאַטינס רײד געװענ גאַנצ פאַרשטענדלעכ אונ קלאָר. אינ קאָנטויספּירקאָמ, אינ כאַבאַראָװסק האָט מענ זײ װעגנ דעמ געװאָרנט: דער אינדזל איז פאַרגאָסנ אונ ס'איז דאָ א געפאַר, אַז מע זאָל האָרט ניט קאָנענ שנײַדנ, האָט מענ זײ געזאָגט. מע האָט זײ פאָרגעלײגט דעמ טאַרע־באַרעװער אינדזל, װאָס געפינט זיכ בײַ די מאַנדזשוריער בערג. האַלט פריד די דערלױבעניש פונ געפּעאו צו שנײַדנ אױפנ טאַראַבאַרעװער אינדזל אונ פרעגט װאָס צו טאָנ.

— גלײַכ אַריבערפאָרנ קאָנ מענ ניסט — זאָגט בערקע.

פריד אַלײנ פאַרשטײט עס אױכ, אַז באַלד אַריבערפאָרנ קאָנ מענ ניט. מע מוז א קוק טאָנ, װי עס זעט אױס אַליאַשעמ אינדזל. עפּשער זײַנענ האָרט דאָ ערטער ניט קײנ פאַרטרונקענע, װו מע קאָנ דערװײַל שנײַדנ, ביז דאָס װאַסער װעט אָפּפאַלנ.

— אַליאַשעמ אינדזל איז בעסער, — זאָגט זלאַטקינ, — ער איז נעענטער, װײַטער װעט בעסער זײַנ צו פירנ דאָס הײ.

— װעט מענ לאָזנ דעמ קאַטיער ביז מאָרגנ אונ פאַרטאָג װעט מענ אַריבערפאָרנ זענ װאָס איז אױפנ אינדזל, — זאָגט פריד.

— דעמ קאַטיער דאַרפ מענ שוינ אָפּשיקנ, אינ קאָמונע איז ניטאָ קײנ ברױט.

— אונ די מאַשינעס מיט די פערד?

— א קלײניקײט, — זאָגט בערקע, — מע רופט אַרױס פונ כאַ־באַראָװסק א קאַטיער, פירט ער אַריבער די פערד מיט די מאַשינעס.

— ס'קאָנ האָב נעמענ צופיל צײַט, — מײנט גרוניע.

— איר זעט אַלע ס'ערשטע מאָל דאָ. איכ בינ שוינ פיר יאָר אױפנ אַמור. אינ דרײַ־פיר סאָ קומט א קאַטיער, אַז מע רופט אַרױס. דעמ קאַטיער דאַרפ מענ אָפּשיקנ מיט פּראָדוקטנ, — האָט בערקע געזאָגט באַפעלעריש, דערפילנדיק, אַז זײַנ װאָרט װעט איצט זײַנ דאָס באַ־שליסנדיקע.

האָט מענ דעמ באַרקאַס צוגעפעסטיקט צומ ברעג אינ אָרלאָװקע אונ דער קאַטיער האָט צוריקגעצױגנ אינ קאָמונע, מיטנעמענדיק פונ כאַבאַראָװסק א באַרקאַס, װאָס איז געשטאַנענ א געלאָדענער מיט פּראָדוקטנ.

ס'איז צוגעפאלנ די נאכט. די קאָמונארנ האָבנ אָנגעצונדנ פײַערנ באמ ברעג, אפ צו פאריאָגנ די קאָמארעס.

בערקע האָט זיכ ארומגעדרייט באמ ברעג און האָט זיכ געקראצט אונטערנ היטל. ער איז געגאנגענ פונ איינ פײַער צומ אנדערנ, אומעטומ געכאפּט א שמעק רויכ און געלאכט פונ די, וואָס ליגנ מיט די קעפּ אינ רויכ און האָבנ מוירע פאר די קאָמארעס. נאָר ער אליינ האָט ניט געוווּסט, וואָס צו טאָנ: צי זאָל ער, בערקע, דער בריגאדיר, אריבערשיפנ זיכ איבערנ אמור מיטנ טאָג צוגלײַכ און א קוק טאָנ, וואָס עס טוט זיכ אפ אליאָשעס אינדזל, אָדער ער זאָל וואַרטנ, ביז ס'וועט אָנקומענ דער צווייטער בריגאדיר ריווקינ, וואָס דאַרפ קומענ מיט די פערד. קראצט ער זיכ אונטערנ היטל, בערקע, וואַרפט א בליק אפנ אמור, וואָס ליגט מעכטיק צעשפרייט און בלאָזט מיט ווײַסע בלעזלעכ און ער ווייסט ניט וואָס צו טאָנ, ער ווייסט ניט וואָס צו באשליסנ. נאָכ ער טראכט, אז ער פײַפט אפ אלצ. בעסער וועט זײַנ, אז ער וועט גיינ שלאָפנ. גייט ער אוועק פונ ברעג און ער לאָזט זיכ גיינ צומ אלטנ לאָפּאטינס דירע, ווו זײַנ ווײַבל האָט זיכ אײַנגעאָרדנט אפ צו באקנ ברויט פאר די קאָמונארנ.

— א גוטע נאכט, בערקע, שרײַענ אימ יאטנ נאָכ מיט געקנייטשטע אייגעלעכ.

ס'עט סוינ גוט זײַנ, האָט ניסט קיינ מוירע, — ענטפערט ער אָפּ צומ ברעג און פארשווינדט אינ דער טיר.

## קאַפּיטל דרײַ

אינעמ בלויענ פארטאָג האָט זיכ דערהערט א טופּערײַ פונ פערדישע קאָפּיטעס. קאָמונארנ זײַנענ געלעגנ באמ ברעג מיט איבערגעדעקטע קעפּ בײַ גליִענדיקע פײַערלעכ, וואָס האָבנ פארשפרייט ארומ זיכ דינינקע רויכלעכ. ארומ און ארומ האָבנ געזשומעט קאָמארעס. און באמ ברעג האָבנ געכראָפּעט קאָמונארנ אינ די זעק. בערקע איז שוינ ניט געשלאָפנ, ער איז געשטאנענ אָנ א היטל, די הענט אינ די הויזנ-קעשענעס און געקוקט צו דער סטעזשקע, וואָס ציט זיכ צווישנ הויכע גראָזנ, לענגאויס דעמ ברעג. ער האָט ניט געקאָנט שלאָפנ, בערקע, ער האָט זיכ געמאטערט א גאנצע נאכט אפנ טאפּטשאנ בײַ לאָפּאטינס אינ קיכ. ער איז א פּאָר מאָל ארויס אינדרויסנ, געקוקט

צום אמור, וואָס איז געלעגנ אויסגעגאָסנ שטיל, אומבאוועגלעך, ווי פארגליווערט שטאָל, און אים, בערקענ, האָט זיך אויסגעדוכט, אז דער אמור שטורעמט, רײַסט די ברעגנ, פארטרינקט די הײַזער און ער קלײַבט זיך די וועלט צו פארפלייצנ...

ניט דאָס ערשטע מאָל געפינט ער זיך דאָ אפ דעם אָרט. בערקע. שוינ פיר וואָכנ האָט ער דאָ מיט דער קאָסע געקלונגענ, נאָר קיינ־מאָל ניט ווי הײַנט איז אים די אַרבעט געווענ אזוי איבעריק און ניט צום הארצנ. נאָך א גיי מיט דער קאָסע איז אמאָל געווענ בא אים א פרייד, אופשטעלנ נאָך א קאָפּע היי איז געווענ פאר אים א פאר־געניגנ, ער האָט געזענ ווי די קאָמונע וואקסט. פונ איינ פערד ווערט פיר, פונ דרײַ בעהיימעס ווערט צענ און הײַנט זעט ער דאָס ניט, הײַנט איז די ווירטשאפט א גרויסע: א פולע שטאל מיט פערד, א פולע שטאל מיט בעהיימעס, מיט קעלבער, א גרויסע סטאדע כאזיי־רים, איצט הײַזער, שפּײַכלערס, וועגענער, מאשינעס, טראקטערס א גאנצער פארק. הײַנט איז די ווירטשאפט א גרויסע, זעט ער ניט עס זאָל וואקסנ, כאָטש פונ טאָג צו טאָג קומענ צו מענטשנ, פונ טאָג צו טאָג וואקסנ די ווענט פונ די נײַע געבײַדעס און יעדעס יאָר פארגרע־סערט זיך דער פארזיי־שעטעך — דאָס זעט ער ניט, ער וויל עס ניט זענ און עס גייט אים ניט אָנ, ער וועט דערפונ גאָרנישט ניט האָבנ. פריִער איז ער געווענ א פיגור אינ דער קאָמונע, „בערקע סאפיר־סטיינ, ערשטער פארזיצער פונ דער קאָמונע, הערנאָך פארוואלטער. איצט קוים בריגאדיר, און באלד שוינ דאָס אויך ניט"... ער פילט עס, מע זעט אים שוינ באלד אינגאנצנ ניט ארויס. „עט מע דארפ ספּײַ־ענ אפ דעם אלעמענ און אוועקפאָרנ" — טראַכט ער, קוקנדיק אפ דער כעוורע, וואָס ליגט צעלייגט באם ברעג. „אנגעפאָרנ פונ דער גאנ־צער וועלט, אינ אײַערע מאמעס ארײַנ", — זאָגט ער צו זיך אליינ און טוט א שפּײַ.

דאָס טופּערײַ פונ די פערד דערנעענטערט זיך און צווישנ די הוי־כע גראָזנ הייבנ זיך אָנ אויסשנײַדנ די סילועטנ פונ די רײַטער. לענ־גויס דער סטעזשקע, איינער הינטערנ אנדערנ, רוקנ זיך אהער די רײַ־טער. דער ערשטער רײַט ריוויקינ, ער האָט ארומגענומענ סאָקאָלנ מיט זײַנע לאנגע פיס, דאָס צײַמל אינ דער לינקער האנט און ער וויגט זיך צום טאקט. סאָקאָל האָט אײַנגעצויגנ די שפּיציקע מאָרדע און אָנגע־בלאָזנ דעם שטאלטנעם האלדז. בא ריוויקינענ איז דאָס היטל פאר־



СЕКТОР НАЦИОНАЛЬНО-

וואָרפֿן אפֿן קאַרק, דאָס העמדל איז צעשפּיליעט. ער וויזט מיט א האַנט אפֿ בערקען, וואָס שטייט און קוקט צו זיי. ער רעדט עפּעס מיט קאָס צו די הינטערשטע רייטער.

דאָס טופּען פֿון די פֿערדישע קאָפּיטעס רודערט אוף דעם אוילעם. איינער נאָכן אַנדערן הייבן זיי זיך אויף, ציִען זיך, גלייכן אויס די פּלייצעס, שלעפּן אַראָפּ פֿון זיך די זעק און באַוויזן די צעקנייטשטע פּנעמער.

— הײַ, יאַטן! איך אײַערע מאַמעס אַרײַן! וואָס האָט איר זיך דאָ צעלייגט, — שרײַט ריווקין, אַראָפּשפּרינגענדיק פֿון פֿערד. — ווּ איז דער קאַטיער?, פֿאַרוואָס זײַט איר ניט אַריבערגעפֿאָרן אפֿן אינדזל? איר רעכנט דעם אמור צו קאָסיען, וואָס ליגט איר דאָ, קאַסצעס, וואָס פּאָפּט איר? — ער גייט א לאָף צו די וואָס ליגן נאָך מיט די קעפּ אין די זעק און דערלאַנגט זיי מיט די פֿיס אין די הינטנס אַרײַן.

ער קאָן ניט אײַנרוען — ריווקין.

— בערקע, וואָס ליגט מען דאָ? — טוט ער א טרעט אין א זײַט צו בערקען. — וואָס האָט מען זיך דאָ צעלייגט, וואָס פֿאַטערט מען צײַט, טעג שטייען הײַנט שייצע, יעדע שאָ איז גאָלד.

בערקע בלאָזט זיך, ווי ער וואָלט ברויגעז געווען. ער פֿילט זיך אין עפּעס שולדיק, אָבער ער וויל עס ניט אַרויסווײַזן, פֿאַרקערט, ער צעבייזערט זיך נאָך:

— וואָס האָב איך געהאַרפּעט טאָג, וואָס, אויסטרינקען דאָס וואַסער פֿון אינדזל?

— פֿונוואַנען ווייס מען וויפֿל וואַסער דאָרט איז?

— לאָפּאַטין זאָגט, די פֿיסערס אַלע זאָגן, א מעטער וואַסער.

— זיי זאָגן, — קאָן זיך ריווקין ניט אײַנהאַלטן און שרײַט: מע דאַרף אַליין זען! — ער פֿאַרבײַסט די ליפּן פֿאַר קאָס, גיט א קוק אף דער בעוורע, וואָס ציט זיך די גלידער, וואַרפֿט א בליק צום באַרקאָס, וואָס שטייט צוגעפּעסטיקט צום ברעג, ער פֿאַרהאַלט זײַן בליק אפֿן באַרקאָס און בלײַבט שטיין א פֿאַרטראַכטער, דערנאָך גיט ער בייז א זאָג:

— גיי צו בעניעס מאַמען, פֿאַרדריפּעטער בריגאַדיר. דעם קאַטיער האָסטו אוועקגעלאָזט, איצט שפּרייט אויס די מײַטקעס און שפּרײַז דעם אמור אַריבער.

— האָסטו אים געקאָנט צוהאַלטן באַם עק, — גיט בערקע א וואָר־

טשע און גייט אַרייַנ צו לאָפּאַטינענ אינ כאַטע, ווו ס'הייצט זיכ שוינ פריילעכ דער אויוונ.

די זונ הייבט אָנ אַרויסצוקריכנ פונ וואַסער און צעשמעלצט דאָס גאָלד אויפנ אַמור.

א ביסל ווייַטער פונ ברעג'אָפּ א פּלויט זעצנ זיכ אויס ריווקינ, גרוניע, פריד, רובינ און זלאַטקינ. דאָס איז—דאָס פּאַרטייִשע און קאָמיוגישע קעמערל פונ דער בריגאַדע הייַ־שניטער. ריווקינ איז נאָכ אַלצ בייז און טייַנעט מיט קאַס:

— פאַרוואָס האָט איר אוועקגעלאָזט דעמ קאַטיער?

— די קאָמונע איז געבליבנ אָנ ברויט, מע האָט געמוזט אוועק־פירנ, — ענטפערט פריד.

— זיי וואָלטנ ניט געשטאָרבנ, אַפילע ווענ זיי בלייַבנ א טאָג אָנ ברויט. איצט ווייסט איר ווי לאַנג מיר וועלנ אַזוי שטיינ באַמ ברעג אָנ א קאַטיער? איצט, אינ אַזא צייַט, ווענ אַלצ הענגט אָפּ דער וואָג.

— בערקע זאָגט, א פּאָר שאָ בלויז, — זאָגט פריד אינ א שטיל: טאָג און זייַנע אויגנ בלאָנדזשענ בייסמייַסע אָפּ די גראָזנ.

— וואָס? וויפל? ווער זאָגט? — גיט זיכ ריווקינ א כאַפּ — בערקע זאָגט? עכ!..

ער פאַרפרעסט די ליפּנ, ריווקינ, און בלייַבט זיצנ מיט א פאַרבי־סענעמ געהאַנק. זייַנע קינבאַקנ צוקנ זיכ און דער קאָפּ ציטערט זיכ אַזוש אָנ פאַר קאַס. פריד באַמערקט עס, פּרוּווט ער אימ אָפּקילנ:

—דו קאַס זיכ ניט, ריווקינ, מיטנ קאַסנ זיכ וועסטו גאָרניט בע־סער מאַכנ. מיר זייַנענ זיכ געקומענ באַראַטנ, טאָ זאָל מענ.

— מע דאַרפ צורופנ בערקענ, — זאָגט גרוניע.

— ער איז דאָכ ניט קיינ פּאַרטייִשער, — דערווידערט זלאַטקינ.

— ער איז נאָכ דערווייַל בריגאַדיר, — ענטפערט פריד.

בערקע איז צוגעקומענ אָנ אָנגערודלטער.

— נו, הייסט עס אַזוי, — זאָגט פריד,—קיינ סאַכ טייַנעס האָבנ מיר דאָ ניט צו פאַרלייגנ, מע דאַרפ זענ וואָס אָפּנ אינדזל טוט זיכ און גאָר.

— קעדויי ניט צו פאַטערנ קיינ צייַט, — שלאָגט פאָר ריווקינ,— זאָל מענ גלייַכ פאָרנ צו ביידע אינדזלענ, אינ איינ טאָג וועט מענ וויסנ ווי ס'האַלט מיט ביידע.

בערקע זאָגט זיכ אַרויס קעגנ:

— זאָל מענ פאָרנ צו אליאָסעס אינדזל, ער איז נעענטער. נאָכ וואָס זאָל מענ סיקנ צוויי סיפלעכ מיט מענטשנ?

— אַמער וועלנ די מענטשנ בעסער סלאָפנ... — פאַרענדיקט ריווקינ מיט אַ שמייכעלע בערקעס רייד אויפנ „סינ".

געבליבנ איז, אַז מע פאָרט צו ביידע אינדזלענ און פאָרנ פאָרט טאַקע די זיצונג, אָט אַלע, וואָס זיצנ אויפנ פּלויט: ריווקינ מיט זלאָט־קינענ — צו אליאָשעס אינדזל. פריד, רובינ און בערקע צום טאַראַבאַ־רעווער אינדזל. אינ איינ טאָג וועלנ זיי אויספאָרשנ ביידע אינדזלענ און גרוניע בלײַבט היטנ די פערד. באַשלאָסנ.

ווי עמעצער וואָלט זיי פונ פּלויט אַראָפּגעוואָרפנ, אַזוי ראַפּטומ האָבנ זיי זיכ אַ ריס געטאָנ פונ דאָרטנ. זיי האָבנ זיכ געלאָזט לויפנ צו די שיפלעכ. בערקע איז אַרײַנ אויפ אַ מינוט צום װײַבל. אינ באַלד האָבנ זיכ די שיפלעכ אָפּגעטראָגנ פונ ברעג און האָבנ זיכ אַ צי געטאָנ איבערנ אַמור.

ווענ ריווקינ איז אָפּגעפאָרנ אַ שטיק פונ ברעג, האָט ער זיכ אויפ־געשטעלט אויפנ שיפל און אַ געשריי געטאָנ:

— היי, יאַטנ! האַקט אָנ די קאָסעס און פאַרזעצט זיי!

אָנהאַקנ קאָסעס און פאַרזעצנ האָבנ ניט אַלע געקענט. אַפילע די, וואָס זײַנענ שוינ אַמאָל געווענ אויפ היי־שניט, האָבנ אויכ ניט אַלע גע־וווּסט די קונסט פונ אָנהאַקנ און פאַרזעצנ אַ קאָסע אַזוי, אַז דער שפּיצ זאָל ניט גײַנ אינ דער ערד אַרײַנ און די קאָסע זאָל זינגענ אינ די הענט. געקאָנט האָבנ עס אַ פּאָר פונ די אַלטע קאָמונאַרנ, איינער פונ זיי איז פּײַווקע. ער ווייסט גוט דעמ ווערט פונ אַ גוטער קאָסע. שטייט ער אַ גאַנצנ פרימאָרגנ, קלינגט מיט די קאָסעס, כאַפּט מיטנ שפּיצ אויער דעמ קלאַנג פונ שטאָל. איינ קאָסע ליגט שוינ אָפּגעלייגט אָנ אַ זײַט, ער פּרוּווט שוינ אַ צווייטע. ער איז זייער ערנסט, פּײַוור־קע, פאַרטיפט אינ זײַנ אַרבעט. ער איז הײַנט פאָרזיכטיקער באַמ קלײַבנ די קאָסע, ווי יעדעס יאָר, ער זוכט, ער נישטערט צווישנ די קאָסעס, „מע דאַרפ גײַנ אינ געווער" — טראַכט ער. „דער אַמעריקאַ־נעצ רופט אימ אַרויס", שמייכלט ער שוינ אינ געדאַנק, „עכ, אַמע־ריקאַנעצ, צו קורצע הענט", פאַרשלינגט ער אַ פריילעכ זיפצל און כאַפּט אויפ מיטנ שפּיצ אויער דעמ קלאַנג פונ שטאָל. ער קלײַבט און קלײַבט די קאָסע, וואָס דער קלאַנג איז בײַ איר אַ שענערער. די, וואָס זינגט בעסער. די נעמט ער. אָפּגעקליבנ צוויי קאָסעס, זעצט ער זיכ

אוועק בא דער באבקע און גענומען זיי אנהאקן, קלינגט באמ ברעג אמור דער געקלאנג פונ שטאל און הילכט אפ פריילעכ אינ דער לופט.

— זע, די בעסטע קאסעס האט ער אויסגעקליבנ, — שרייט דער אלטער ברייטער.

— וואס דארפ ער עפעס צוויי? ער פארגרייט זיכ צוויי און דעמ אנדערנ גארנישט.

— פעטרוסקע, וואס טויג דיר צוויי קאסעס?

— איינע פאר מיר און איינע פאר מיינ ווייב, — ענטפערט ער און קלינגט מיטנ העמערל אפ דער קאסע.

אנגעהאקט ביידע קאסעס, נעמט ער זיי שארפנ. ער גייט אראפ צומ ברעג, טונקט איינ דאס שארפשטיינדל אינ וואסער און שארפט די קאסעס.

— שארפ — בריטוועס, ניט קיינ קאסעס וועלנ זיי זיינ, — זאגט ער צו די דערבייַשטייענדיקע, וואס רייבנ אויכ די קאסעס, — מ'עט זיכ קאנענ גאלנ מיט זיי.

— דו מאכסט צוויי, כ'וועל אויכ מאכנ צוויי, קוימ ווערט איינע צעבראכנ...

— מאכ, — ענטפערט פעטרוסקע, — בא מיר ווערט ניט צעבראכנ.

— טא וואס-זשע פארט מאכסטו צוויי? — שטעלט צו אימ צו אנ אויער דער אלטער ברייטער.

— איינע פאר מיר, און איינע פאר מיינ ווייב, — רייבט ער אריינ די ווערטער מיטנ שארפשטיינדל אינ דער קאסע אריינ.

שטעקנס האט ער אויכ אויסגעקליבנ צוויי גלאטינקע, פיינע, צוגע-פאסטע שטעקנס, מיט גוט אנגעשטעלטע הענטלעכ. ער האט זיי פאר-זעצט ריכטיק. דאס הענטל גלייכ אנגעשטעלט מיטנ גארטל, די קאסעס פארזעצט קרומלעכ א ביסל, זיי זאלנ ניט גיינ מיטנ שפיצ אינ דער ערד, גוט פארקלינעוועט. נאכאמאל איבערגעצייגנ די שארפ און אז אלצ איז געווענ גוט, האט ער פארוואַרפנ ביידע קאסעס אפנ אקסל און האט זיכ אוועקגעלאזט צו דער לאנקע הינטער לאפאטינס שייער. דארט האט ער א פיר געטאנ מיט די הענט פונ רעכטס אפ לינקס און די קאסע האט זיכ צעזונגענ — חזשענ... דזשענ... דזשענ.... א היפש שטיק לאנקע איז ער אפגעגאנגענ. די קאסע האט אפגעלייגט א ברייטנ וואל היי, ניט איבערלאזנדיק קיינ איינ גראז ניט אפגע-שניטנ. ער האט אויסגעפרוווט די צווייטע קאסע און איז צוריקגע-

גאַנגענ. ער האָט נאָכאַמאָל איבערגעצויגנ מיטנ שאַרפשטייענדל אונ געמאַכט א סימענ אפ די שטעקנס. אפ איינ שטעקנ האָט ער אויסגע־קריצט „פּיווקע" אונ דעמ צווייטנ האָט ער געלאָזט אַזוי... ער האָט ביידע קאָסעס אופגעהאַנגענ אפ א בוימ אונ א געשריי געטאָנ צו זעלדענ:

— קלעמראַק, קאָנסט שוינ געבנ עסנ!

— באַלד עט זײַנ פּאַרטיק! — האָט זעלדע אויסגעשריִענ פונ א וואָלקנ רויכ אַרויס. זי האָט געקאָכט באַמ ברעג צוויי קעסלעכ עסנ.

דער טאָג איז פאַרגאַנגענ. די נאַכט האָט זיכ אָנגעגליטשט מיט בלויקײַט אונ פרישקײַט, די קאָמאַרעס האָבנ פאַרשטאַרקט זייער געזאַנג אונ פײַערנ האָבנ זיכ פאַנאַנדערגעפלאַקערט באַמ ברעג, געוויקלט קנוילנ רויכ איבער די קעפּ פונ די קאָמונאַרנ.

— אַכ, האָט דער אַלטער ברייטער — א ייִד הויכ אונ שטאַרק ווי א דעמב — געזיפצט.

—אַכ, א קאַפּעטשקע רויכ, זיי לאָזנ דאָכ ניט לעבנ, וויִאַזוי וועט מענ עס אויסהאַלטנ, ס'האָכ ערגער, ווי אינ גענעמ, — ער האָט גע־קרעכצט, שטעקנדיק דעמ קאָפּ אינ רויכ, ווי אינ א באָד, קריכנדיק אינ פּאַרע.

— אַלטער שטינקער, — טוט פּיווקע א שפּײַ, — ער האַלט שוינ ניט אויס, קוימ האָט אימ א קאָמאַר א ביס געטאָנ.

— א קאָמאַר, א ביס געטאָנ, זאָגסטו, נא זע — אונ ער האָט אימ אויסגעשטעקט א צעקראַצטנ האַלדז.

— טפוי, אַלטע נעווײלע, דאָס האָבנ דיכ די לײַז צעביסנ.

אונ ברייטער האָט זיכ צעזיפצט, שטעקנדיק דעמ קאָפּ נעענטער צומ רויכ.

— אײַ, אײַ! כ'על עס גאָרניט אויסהאַלטנ! דער שוואַרצער יאָר האָט מיכ פאַרטראָגנ אהער!

— ייִדנ פּערעסעלענצעס, — גיט עמעצער א וואָרפ פונ רויכ אַרויס א ווערטעלע.

— ס'האָט עס דאַצי? — גיט ברייטער א פרעג, — אפ דער פּראָ־יזוואָדסטווע איז ניט געווענ קיינ קאָמאַרעס, איז געווענ גוט צו אַר־בעטנ.

— א גליק, וואָס דו ביסט דאָרט אויכעט ניט געווענ, — לאַכט פּיווקע.

— וואָסי, כ'האָב ניט אָפּגעאַרבעט צוואַנציק יאָר אַפ דער פּראָיזוואָדסטווע. כ'זאָל אַזוי זײַנ אַ טאַטע צו מײַנע קינדער, כ'האָב אַפילע אַנ אוראַרנע ביכל, קאָנ זאָגנ דער קלייִנער מאַמזער מײַנער, פרעגט אים.

— היי, מאַמזער, זאָג ס'עמעס וואָס דײַנ אַלטער ברײַעט?—זאָג! — גיט אים פּײַווקע אַ שלעפּ באַ די מײַטקעס, פאַרטשעפּענדיק אַ שטיק הינטנ. דער קלייִנער ברייטער גיט אַ קוויטש און רײַבט מיט די הענט דעמ הינטנ. ער קוקט מיט קאַס אַפ פּײַווקענ אונ אַפּנ טאַטנ, נאָר מיט מער קאַס אַפּנ טאַטנ אייִדער אַפ פּײַווקענ.

מיט דער סטעזשקע, וואָס באַמ ברעג, קומט אַנ גרוניע מיט אַ לאַנגנ שטעקנ אינ האַנט. נאָכ יעדער פּאָר טריט, וואָס זי שטעלט, גיט זי זיכ אַ בייג אַראָפּ אונ אַ קראַצ די פיס — די פיס זײַנענ באַ איר אָנגעלאָפנ מיט ווײַסע בלאָזנ אונ אַפ אַ טייל ערטער צעקראַצט.

— גרוניע, קראַצ ניט, כ'ט אָנמאַכנ אַ צאָרע אַפ די פיס, גרוניע! — שרײַענ יאַטנ, — לאָז עסנ, גרוניע, זיי וואַרטנ אַפ דיר אַ גאַנצ יאָר.

— לאָז, ס'איז מײַנ רעכענונג. זאָלנ זיי עסנ...

זי קומט צו צום שײַטער מיט אַ פאַרקרימטנ שמייכל אַפּנ פּאָנעמ, לאָזט זיכ אַראָפּ באַמ רויכ.

— אָ, אָ, ביסט שפּאָר צעביסנ, ווו ביסטו דאָס געווענ?

— באַ די פערד, ווו בינ איכ געווענ, זיי בריקעווענ אַרומ, ווי די ווילדע.

— אַ זשענשטשינע... — שאָקלט דער אַלטער ברייטער מיטנ קאָפּ. אונ קוקט מיט פאַרטערהטע אויגנ פונ רויכ אַרויס אַפ גרוניעס צעביסענעמ פּאָנעמ, האַלדז אונ פיס.

— וואָס איז, כאַווער ברייטער, אַ זשענשטשינע איז קיינ מענטש ניט? — פרעגט גרוניע מיט אַ שמייכל.

— כאָלילע, ווער זאָגט דענ, ניט מער אַזאַ אָ אַרבעט... כ'וויס... שוועכער אַ ביסל...

— נו, כאַווער ברייטער, עפּשער וואָלט איר זיכ טאַקע איבערגענאַטנענ אַפ אַ גאַנצער נאַכט היטנ די פערד, זיי זאָלנ זיכ ניט צעלויפנ, האַ, ווי מיינט איר, כאַווער ברייטער?

באַ די ווערטער גיבנ אירע גרינלעכע לעבעדיקע אויגנ אַ טאַנצ איבער אַלע פּענעמער.

נאָר אָנשטאָט צו ענטפערנ נעמט זיכ גאָר ברייטער איבערבינדנ דאָס טיכל אפנ קאָפּ. פאַרשטעקט זיכ טיפער אינ רויכ אונ צעקרעכצט זיכ ווי א יידענע, בייס ס'האָט איר אָנגעכאַפּט גאָר שטאַרקע ווייענ...

— נו, כעווריע, מע דאַרפ אײַנשטעלנ א דעזשורסטווע בא די פערד, — גיט גרוניע גאַנצ ערנסט א זאָג, — צו צוויי שאָ.

— גוט, זאָל מענ פאַרשרײַבנ.

— די ערשטע צוויי שאָ פאַרשרײַב מיכ, — מעלדעט פײַוקע.

— די אנדערע צוויי מיכ — גיט א זאָג דער קליינער ברייטער.

אונ דער אלטער ברייטער כאַפּט זיכ גיכ אופ, גיט א שפּיליע פאַנאַנדער דעמ פּאַסעק פונ די הויזנ, פאַרוואַרפט אימ אפנ האַלדז אונ לויפט אוועק הינטער לאַפּאַטינס שײַער...

פאַרטאָג זײַנענ די קאָמאַרעס ווילדער, פאַרטאָג בײַסנ די קאָמאַרעס שטאַרקער אונ פאַרטאָג איז נאָכ דאָ א צוגאָב — מאָשקאַ אונ מאָקרעצ. ליגט ער אײַנגעקנוילט, דער אלטער ברייטער, אפנ פעלד, ארומ אונ ארומ אימ ברענענ פײַערנ אונ קנוילנ רויכ וויקלענ זיכ ארומ אימ.

— א מיסע מעשונע זאָל אפּ איר אָנקומענ. איר ארבעט געווענ! וואָלט זי כאָטש פאַרשריבנ די ערשטע צוויי שאָ, וואָלט איכ איצט מיטנ טאָג צוגלײַכ געקאָנט שלאָפנ. אנ אויסרײַסעניש אפּ איר, פערד וועל איכ איר היטנ — א מאַקע! — אָט אזוי האָט ער ארײַנגערעדט אינ זאַק ארײַנ, וואָס איז אימ געווענ אריבערגעצויגנ אריבערנ קאָפּ. מיט דער וואַטאַוועקע האָט ער אײַנגעדעקט די פיס אונ קרעכצנדיק האָט ער אָנגעהויבנ אײַנדרעמלענ.

די פערד זײַנענ זיכ צעגאַנגענ אינ אלע זײַטנ, זיי זײַנענ פאַרקראָכנ צווישנ די קוסטעס, זיי האָבנ זיכ געריבנ אינ די הויכע גראָזנ, זיי זײַנענ געשטאַנענ באַמ ברעג אונ האָבנ געשמיסנ מיט די וויידלענ איבער די זײַטנ, זיי האָבנ געוואָרפנ מיט די קעפּ אונ געהויבנ די פיס צו די בײַכער, אָפּטרײַבנדיק פונ זיכ די כמאַרע קאָמאַרעס. די לעצטע צוויי שאָ האָט קיינער פאַר זיי קיינ רויכ ניט געמאַכט, האָבנ זיי זיכ צעשפּרייט איבערנ פעלד, זוכנדיק א שוצ פונ די קאָמאַרעס.

ווענ גרוניע איז מיטנ גרויסנ טאָג געקומענ בײַטנ ברייטערנ, האָט זי קיינ פערד פאַר די אויגנ ניט געזענ, אינ בא די טליִענדיקע פײַערנ האָט זי געטראָפנ ליגנ ברייטערנ א שלאָפנדיקנ, אײַנגעקנוילט אינ זאַק.

זי איז א מינוט געשטאַנענ אונ געקוקט אפּ ברייטערנ מיט אירע אויסגעוואַשענע גרינלעכע אויגנ, איר פּאָנעמ האָט געשמייכלט, די

הענט האָט זי געהאַלטן אין די הויזנקעשענעס און דער פּאַסעק, וואָס האָט איינגעצויגן איר טאַליע, האָט איר יונגע, שלאַנקע פיגור געמאַכט נאָך שלאַנקער און יינגער. שטייענדיק אַזוי אויף אַ פּעלד אין זוניקן פרי־מאָרגן, האָט זי אויסגעזען לויטער און שטיפעריש. זי איז געשטאַנען און געשמייכלט, קוקנדיק אויף קנויל שמאַטעס, וואָס איז געלעגן בײַ אירע פיס. וואָס־זשע טוט מען מיטן קנויל שמאַטעס, מיטן כראָפּע־דיקן אַלטן ברייטערן? זאָל זי אים אָפּטאָן אַזויגנס...

זי האָט אַ טאַנץ געטאָן ארום אים אויף די שפּיץ פינגער, גיך אוועקגענומען די רויכענדיקע שטיקער האָלץ, צעריבן די פונקען ארום אים און איז אוועק מיטן פײַער אינמיטן פּעלד. דאָרט האָט זי דאָס פײַער צעבלאָזן, אופגעקנוילט אַ גרויסן רויך. דערנאָך האָט זי זיך אוועקגעלאָזט איבערן פּעלד צונויפטרײַבן די פערד.

די פערד האָבן זיך אויסגעשטעלט ארום רויך און האָבן געגעסן דאָס גראָז פון אונטער די פיס.

אויסגעשטעלט אַלע פערד, האָט זי גיך אַ שפּרונג געטאָן איבערן גראָז צו ברייטערן. זי איז געלאָפן און פאַרשטעלט מיט דער האַנט דאָס מויל, קעדיי איר געלעכטער זאָל זיך ניט צעשיטן איבערן פּעלד. ס'איז איר געפעלן דאָס שפּיצל, וואָס זי האָט פאַרטראַכט פאַר ברייטערן. זי איז געלאָפן מיט דער סטעזשקע. נאָר אָפּלויפנדיק אַ שטיק וועג, האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן און געבליבן שטיין פאַרטראַכט. דער שמייכל אויף איר פּנים איז ביסלעכווײַז צערונען.

„ניין, — האָט זי אַ הויך געטאָן מיטן קאָפּ, — ס'עט זײַן אַ שלעכטער בײַשפּיל" — און זי האָט זיך געלאָזט גיין צוריק מיט דער סטעזשקע צו ברייטערן. פונעם פאַרטראַכטן שפּיצל אויפצושנײַדן דעם זאַק איבער ברייטערס קאָפּ און אָנלאָזן דאָרט קאָמאַרעס זיי זאָלן אים צעבײַסן, פונעם שפּיצל איז גאָרניט געוואָרן. זי איז צוגעגאַנגען צו ברייטערן און האָט אים אַ רודער געטאָן באַם אַקסל:

— כאַווער ברייטער, גייט אַהיים, כ'בין אײַך געקומען פאַרבײַטן.

— האַ! — האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן, — פאַרבײַטן, כ'נאַרוואָס אײַנגעדרעמלט, כ'בין ניט געשלאָפן, וווּ איז דער רויך, וווּ זײַנען די פערד?

— אָט איז דער רויך, אָט זײַנען די פערד, — האָט זי אים אָנגע־וויזן מיטן קאָפּ. ער האָט געקראַצט דעם קאָפּ מיט ביידע הענט און געזוכט מיט די אויגן איבערן פּעלד. „ווי קומט אַהין דער רויך", האָט

ער געמאַכט און אַרויסגעגענעצט, אויפשטעלנדיק זיך — „אַ מיסע מעשונע אױף איר".

— אױף װעמען? — פֿרעגט גרוניע מיט אַ שמייכל.

— אַט, אױף דעם קאַמאַר, האָט מיר צעביסן דעם האַלדז, — האָט ער געענטפֿערט און געמאַכט אַ טריט צו די פֿערד.

— גייען, באַ די פֿערד װעל איך שוין בלײַבן, גייט אַהיים, כאַװער ברייטער, גייט, שוין פֿאַרטיק עסן, גייט, שעמען מעגט איר זיך, אַ שיינער קאַמונאַר זײַט איר—די פֿערד, אײַער פֿאַרמעגן, האָט איר געלאָזן אױף הפֿקר און געלייגט זיך שלאָפֿן, שעמט אײַך.

ברייטער האָט זיך אױסגעשלעפּט מיט דער סטעזשקע און גע־שאָקלט מיטן קאָפּ גייענדיק. ער האָט געבורטשעט:

— מײַן פֿאַרמעגן, נאָך איר טויט זאָל עס בלײַבן, װאָס מיר איז געבליבן.

— גרוניע האָט זיך געלאָזט גיין צו די פֿערד. דער רויך איז גע־װאָרן קלענער און די פֿערד האָבן זיך אָנגעהויבן אָפּרוקן פֿון פֿײַער. סאָקאָל האָט זיך געלאָזט גיין צום ברעג.

— קודי! סאָקאָל, קודי! — האָט זי אַ געשריי געטאָן. סאָקאָל איז געבליבן שטיין, אױסגעדרייט דעם קאָפּ צו איר און האָט זי אָנגעקוקט מיט אַ פּאָר בעטנדיקע אויגן. — װאָס װילסטו, סאָקאָל? — האָט זי אים געפּאַטשט איבערן האַלדז. ער האָט אױסגעקערט דעם קאָפּ צום ברעג און האָט זיך געלאָזט גיין צום װאַסער.

— אָ, טרינקען װילסטו! — האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן און אַ טרײַב געטאָן די פֿערד צום טײַך. — װיאָ, לאַשעקעס, טרינקען, װיאָ!

די קאָסעס זײַנען געהאָנגען אױף די ביימער אָנגעהאַקטע, געשאַרפֿ־טע און פֿאַרזעצטע. יעדער איינער האָט זיך געהיט זײַן קאָסע, װי אַ סאָלדאַט היט זײַן ביקס פֿאַר אַ שלאַכט. די קאָמונאַרן זײַנען געלעגן באַם ברעג און האָבן געזוכט מיט די אויגן.

אינמיטן טאָג האָט זיך באַװיזן אױפֿן אַמור דאָס ערשטע שיפֿל פֿון אַליאַשעס אינדזל. פֿאַמעלעך האָט זיך דאָס שיפֿל געטראָגן איבערן װאַסער, פֿויל און מידלעך האָבן די װעסלעס געפּאַטשט און װען כװער־רע האָט דערזען דאָס שיפֿל, האָבן זיי אױפֿגעהויבן די קעפּ און אױס־געשריִען:

— אָ, מע פֿאָרט!

דאָס שיפֿל האָט זיך שטיל צוגעגליטשט צום ברעג און די קאָמו־

נארנ זײַנענ איבערראשט געוואָרנ פונ ריווקינס אונ זלאטקינס אויסזען.

— וואָסי עפעס?

— זע ווי זיי זעענ אויס!

— אַנ שטיוול!

— זע, בא ריווקינענ איינ שטיוול אפנ פוס.

— זע, ווי אויסגעשמירט.

— אוי, אַנ אומגליק, ווו איז מענ פארקראָכנ?

זיי האָבנ צוגעבונדנ דאָס שיפל צומ ברעג אונ האָבנ זיכ געמאכט ניט הערנדיק.

— זעלדע! גיב עפעס עסנ! — האָט ריווקינ א רופ געטאָנ אונ זיכ אראָפּגעזעצט באמ ברעג.

זעלדע האָט זיי דערלאנגט ברויט, זופ אונ שטיקלעכ סאלע.

— וואָס צעפּאטערסטו די סאלע, מע האָט דאָכ נאָכ ניט אָנגעהויבנ ארבעטנ, — פרעגט ריווקינ.

— עס, עס — ווער עס ארבעט ניט אונ ווער עס האָרעוועט.

— אונ עסנ עסנ פונדעסטוועגנ אלע, — האָט זלאטקינ אונטערגעכאפּט מיט א שמייכל.

— א צאדיק, שוינ עסנ אויכעט ניט — האָט דער אלטער ברייטער א וואָרטשע געטאָנ.

זיי האָבנ געגעסנ בייחע מיט גוטנ אפעטיט. פארשוואַרצט אונ פארבלאָטיקט זײַנענ זיי געווענ פונ קאָפּ ביז די פיס.

— פונ טאראבארעווער זײַנענ זיי נאָכ ניט געקומענ? — פרעגט ריווקינ קײַענדיק.

— נאָכ ניט, — ענטפערט פײַווקע.

— זיי וועלנ אוודאי באלד אָנקומענ, מע דארפ זײַנ גרייט צומ איבערפאָרנ, די קאָסעס זײַנענ אלע גרייט?

— גרייט, — זאָגט פײַווקע אונ קוקט אפ ריווקינס פיס, ווו איינער איז א באָרוועסער אונ אפנ צווייטנ זיצט א נאסער שטיוול מיט אַנ אראָפּגעלאָזטע כאָליעווע, ווי א פארמאכטע האַרמאָשקע. — דו, — זאָגט ער צו ריווקינענ, — ווו איז דער שטיוול?

— געלאָזנ.

— פארוואָס עפעס געלאָזנ?

— מע האָט זיכ געטרונקענ.

— ג ע ט ר ו נ ק ע נ?

די קאָמונאַרן זײַנען אופגעשפּרונגען און האָבן געקוקט ריווקינען אין מויל אַרײַן. מיט אָפענע מײַלער האָבן זיי אויסגעהערט ריווקינס דערציילונג.

— באַנאַכט האָבן מיר איבערגענעכטיקט אויפן שיפל. פאַרטאָג גייען מיר אַרויס אויפן אינדזל און לאָזן זיך גיין. וואַסער איז ביז די קני, ערטערווײַז נאָך טיפער, פאַראַן טרוקענע ערטער, אויך ראָלקעס קליינע. גראָז שטייען הויכע, העכער דעם קאָפ. גייען מיר, דער אינדזל איז גרויס, מעשונע, נאָר וואַסער אומעטום. „ניטאָ וואָס צו מאַכן". זאָג איך. נאָר זלאַטקין, פּאַדלע, וויל ניט אַוועקגיין. „אָט א שטיק פעלד א טרוקענס"—ווײַזט ער. לאָזן מיר זיך גיין, מיר קריכן אין וואַסער. די גראָזן שנײַדן אין פּנים און קאָמאַרעס — א וועלט. קוים זיך דערשלאָגן צום שטיק פעלד און מיר גיבן זיך ביידע א לאָז גיין... באַלד אין וואַסער אַרײַן — ווי דער ברעג זאָל זיך אָפּשנײַדן פּלוצלינג. איך כאַפּ זיך אַרום אויפן וואַסער און ניטאָ די פּאַדלע. „שיין", טראַכט איך און דאָ דערהער איך — פּאַכ-פּאַכ! „ריווקין, שרײַט ער, כ'האָב פולע שטיוול, זיי שלעפּן מיך אַראָפּ"! „וואַרפ אַראָפּ! — שרײַ איך—מיט די פיס וואַרפ אַראָפּ" און איך אַליין וואַרפ אויך אַראָפּ איינעם, דער צווייטער שטיוול איז מיר ענג, ניט געקאָנט אַראָפּ. נאַ, שלעפּ נאָר אַראָפּ, פיִווקע.

פיִווקע האָט אָנגעצויגן דעם פּאַסעק, אָנגעשפּיגן אין די הענט אַרײַן און א צי געטאָן ריווקינען איבערן ברעג.

— האַלט זיך!

— בינד אים צו צו א בוים.

—נו, נעמ, כ'וועל זיך שוין האַלטן.

— שנײַד אים אָפּ דעם פוס.

— ער וועט ניט גיין, ער איז' נאַס.

— שלעפּ ניט! שרײַט ריווקין — דו רײַסט מיר דעם פוס אָפּ.

— נעמ צעשנײַד אים און פאַרטיק, — אייצעט דער אַלטער ברייטער.

— דערלאַנג דעם מעסער, זעלדע.

—ס'א שאָד, ער וועט זיך אויסטריקענען, וועט ער אַראָפּגיין — זאָגט ריווקין קוקנדיק אויפן שטיוול.

— יאָלד! — שרײַט פיִווקע און כאַפּט דעם מעסער — טרענ אופ הינטן די נאָט און פאַרטיק. נאַ!'א שטיוול — א ליאַלקע!..

ריווקין האָט זיך אָפּגעשטעלט:

— נו, בעווּרע, מע האַרף זײַן גרייט צום אַריבערפֿאָרן.

— צו וועלכן אינדזל פֿאָרן מיר?

— צום טאַראַבאַרעווער, אַף אַליאָשעס וועט מען ניט שנײַדן.

— ער איז שוין גרייט צום פֿאָרן, — ברומט דער אַלטער ברייטער, — שוין געפּילט דעם טויט בא דער נאָז און קריכט ווידער.

— יאָ, יאָ, כאַוועך ברייטער, בירעבידזשאַן איז ניט קיין פּיינעלע אין בוזעם.

— אַ ווייסט פֿאַרשיקעניש. אויסגעפּוצעט אַ מעדינע פֿאַר יִדן, — קרעכצט ער.

— ס'עט זײַן, ס'עט זיין, כאַוועך ברייטער. נאָך אַ יאָר, נאָך אַ יאָר און ס'וועלן בליִען ווײַנגערטנער אַף הײַנטיקע זומפּן. אַז באָלשעװיקעס באַשליסן, ווערט אַלץ אויסגעפֿירט, — זאָגט ריווקין, שפּרײַזנדיק אַ באָרוועסער איבערן גראָז.

ברייטער קוקט אים אָן. דעם „געקומענעם פֿון יענער וועלט" און ער קאָן ניט פֿאַרשטיין, וואָס די נעדולע איז מיט אים. „פֿאַרקראָכן אין דער ווילסטער טײַגע", „שוין קיין בעסער אָרט ניט געפֿונען פֿאַר יִדן", — טראַכט ער און קרימט נאָך ריווקינען אין געדאַנק: „אַז באָלשעוויקעס באַשליסן"...

ווער איז בא די פֿערד? — האָט ריווקין אַ פֿרעג געטאָן.

— גרוניע?

— גרוניע? מע דאַרף זי בײַטן.

— איך גיי! — האָט דער קליינער ברייטער אַ געשריי געטאָן און האָט זיך איבער דער סטעזשקע געלאָזט לויפֿן צום פֿעלד.

— אומעטום איז ער גרייט, אין דער ערד אַרײַן, — האָט דער אַלטער אַ שיפּע געטאָן, — נאָך פֿון דער ערד ניט אויסגעוואָקסן און ווייסט שוין די גאַנצע טוירע זייערע. קריכט אין פֿײַער און אין וואַסער.

די „גאַנצע טוירע" ווייסט ער נאָך ניט דער קליינער פּופּצניאַריקער ברייטער, נאָר אין פֿײַער און אין וואַסער איז ער טאַקע גרייט צו גיין.

פֿאַרנאַכט האָט זיך אָפּן אָמור אָנגערוקט דאָס שיפֿל פֿון טאַראַבאַרעווער אינדזל. באַם ברעג האָבן שוין פֿײַערן געברענט און וואָלקנס רויך האָבן צעטריבן די קאָמאַרעס. די קאָמונאַרן האָבן זיך שוין

געגרייט אַרײַנצוקריכן אין די זעק, און מיט דער סטעזשקע פֿון פֿעלד האָבן זיך אומגעקערט ריווקין מיט גרוניען, זיי זײַנען זיך געגאַנגען געלאָסן, און האָבן גאָרניט געפֿילט קיין קאַמאַרעס... באַמערקנדיק דאָס שיפֿל אַפֿן אַמור, האָבן זיי פֿאַרגיכערט דעם גאַנג און וועג זיי זײַנען צוגעקומען צום ברעג, האָט ריווקין אויסגעשריִען — כעוורע, קריכט אַרויס פֿון די זעק, מע דאַרף פֿאָרן!

פֿאָרן?

— באַנאַכט?

— יאָ, יאָ, פֿאָרן, פֿאָרן!

— ס'הייסט פֿאָרן, לאָמיר פֿריִער הערן, צי מע קאָן, עפּשער האָבן זיי זיך אויך געטרונקען. עפּשער דאַרף מען גאָר פֿאָרן... — ער האָט ניט פֿאַרענדיקט, דער אַלטער ברייטער. ער האָט דערזאָגט אין זאַק אַרײַן צו זיך אַליין, וואָהין מע דאַרף, לויט זײַן מיינונג, פֿאָרן.

יאָטן זײַנען אַרויסגעקראָכן פֿון די זעק און האָבן געקוקט צום שיפֿל, וואָס האָט זיך גיך דערנעענטערט צום ברעג.

דאָס שיפֿל האָט זיך געגליטשט איבערן אַמור, וואָס איז געלעגן אַ גלאַטער, אַ פֿאַרהאַרטעוועטער. דער שניט פֿון די וועסלעס איבערן וואַסער האָט זיך געטראָגן מיט טאַקט צום ברעג און האָט זיך אין דער שטילקייט געהערט אַלץ דײַטלעכער און דײַטלעכער. די כוואַליעס האָט זיך נאָכגעגליטשט נאָכן שיפֿל און האָט זיך אָנגעשלאָגן אָן ברעג.

צום ברעג האָט מען אָנגעטראָגן היי און מע האָט פֿאַנאַנדערגע־פּלאַקערט דאָס פֿײַער. אַ געדיכטער וואָלקן רויך האָט זיך צעקנוילט און געשלאָגן מיט מעכײַעדיקער ביטערקייט איבער די פּענעמער.

די פּענעמער פֿון די געקומענע פֿון אינדזל זײַנען געווען צעביסן און געשוואָלן, די אויגן זײַנען זיי געווען רויט און פֿאַרלאָפֿן.

זיי האָבן געזונט דערלאַנגט, — קרימט פּריץ דאָס פּנעם אין אַ שמייכל, — אין די מיליאַרדן זײַנען זיי דאָרטן פֿאַראַן, אָנבאָפּ אַ קעסל אָפּ אַ מיטיק איז אַ קלייניקייט...

— אַ געדולע אָפּ דיר, שפּיגל אײַן דײַן צורע, וועסטו שטאַרבן פֿאַר שרעק, — שאָקלט דער אַלטער ברייטער מיטן קאָפּ.

מע האָט באַקוקט די פּענעמער, וואָס זײַנען אין די צוויי טעג פֿאַרענדערט געוואָרן — ניט צו דערקענען. רובינס ווײַס געיויזן פּנעם איז איצט רויט און פֿאַרלאָפֿן, ווי מע וואָלט אים שטאַרק אויסגעשמיסן מיט קראָפּעווע־בעזעמלעך. פֿײַוועלע קוקט אָפּ אים מיט אַ

ברייטנ שמייכל, וואָס צעפּאָרט זיכ אפ זײַנ ברוינעמ פאַרהאַרטעוועטנ פּאָנעמ.

— אַמעריקאַנעצ, ווערסט אַנ אייגענער מענטש, — זאָגט ער אונ קוקט אפ אימ מיט אַ גאַנצ היימישנ, זיכ דערנעענטערנדיקנ בליק.

ריווקינ איז צוגעקומענ אונ אָפּגערופנ אָנ אַ זײַט רובינענ מיט פּריצנ.

— מע גייט שוינ מאַכנ אַ זיצונג!

— מע דאַרפ מאַכנ אַ פאַרזאַמלונג!

— מע דאַרפ באַשליסנ וואָס צו טאָנ!

— וואָס עט מענ דאָ זיצנ!

— מע דאַרפ צוריקפאָרנ אינ קאָמונע!

— ס'הייסט צוריקפאָרנ, מע איז דאָכ געקומענ אַרבעטנ.

— אַרבעטנ? — האָט זיכ דער אַלטער ברייטער אַ כאַפּ געטאָנ, — קוק אָנ זייערע פּענעמער, וויאַזוי וועט מענ אַרבעטנ.

פּײַווקע האָט אפ אימ זײַטיק אַ קוק געטאָנ אונ אָויסגעשפּיגנ. איבערנ אַמור האָט די לעוואָנע געזילבערט דעמ טײַכ.

— מע דאַרפ זיכ לייגנ שלאָפנ, — באַשליסט דער אַלטער.

— וואַרט צו אַ ווײַלע, טאַטע.

— דו שנעק, ביסט שוינ גרייט שפּרינגענ אינ וואַסער אַרײַנ, או!

— אַז מ'עט הייסנ!

— אַז מ'עט באַשליסנ... וועט מענ פאָרנ! — האָט עמעצער אַ געשריי געטאָנ פונ רויכ אַרויס.

די זיצונג האָט זיכ געענדיקט.

— הערט אָויס, יאָטנ, — האָט זיכ ריווקינ אָנגערופנ, — אפּנ טאַרעבאַרעווער קאָנ מענ שנײַדנ. זיבעציק טויזנט פּוד קאָנ מענ אופּשטעלנ, פאַראַנ פאַרגאָסענע ערטער, נאָר ביז דאָס וואַסער וועט אָפּפאַלנ קאָנ מענ שנײַדנ אפ די חאָלקעס. שלעכט איז, וואָס מע קענ ניט באַלד שנײַכנ מיט די מאַשינעס, וועט מענ שנײַדנ מיט די קאָסעס ביז ס'וועט קומענ אַ קאַטיער. מיטנ טאָג צוגלײַכ גייט אַרויס אַ מענטש נאָכ אַ קאַטיער. נו, בעוורע, מע דאַרפ פאָרנ, ס'איז אַ שאָד יעדע שאָ, שוינ פינפ טעג זיצנ מיר דאָ אונ מיט קיינ קאָסע קיינ קלונג נאָכ ניט געטאָנ, אַ שאָד די צײַט, טעג שטייענ שיינע, זומיקע. נו, יאָטנ, דער זייגער וועט זײַנ אַרומ זיבנ.

— זיבנ?

— א שײנער זיבנ.

זע א לשוואַנע!

— נו, איז אכט, איז נײַנ. א נאכט איז דאָך א ליכטיקע, אינ דרײַ־פיר שאָ ארומ װעלנ מיר זײַנ אפנ אינדזל, פאָרנ װעלנ ניט אלע. א מאנ צװאנציק, די איבעריקע װעלנ קומענ מאָרגנ, װענ מ׳װעט צוריק־ברענגענ די שיפלעכ.

—נו, איז געפאָרנ, װאָס איז די רײד, — האָט זיכ פּיַװוקע אופ־געשטעלט אונ אײַנגעצױגנ דעמ פּאסעק ארומ די הױזנ.

— זעלדע, פּאַק אײַנ די קיכ!—האָט זיכ דערהערט ריװוקינס געשרײ.

—אונ פאר די, װאָס בלײַבנ, — האָט זיכ דער אלטער ברײטער א כאפּ געטאָנ, שיר פונ זאק ניט ארױסגעקראָכנ.

— די, װאָס בלײַבנ, װעלנ קומענ מאָרגנ, — האָט ער דערהערט ריװוקינס ענטפער אונ מיט קאָפּ צוריק אריַינגעקראָכנ אינ זאק ארײַנ.

כעװרע האָט געפּאקט די קלומקעס אונ געלײגט אינ די שיפלעכ. יעדער אײנער האָט זיכ אראָפּגענומענ זײַנ קאָסע פונ בױמ אונ גע־לײגט אינ שיפל. אונ דאָ האָט זיכ רובינ א כאפּ געטאָנ, אז ער האָט קײנ קאָסע ניט. ער איז אײנמיטנ לױפנ מיטנ פּעקל צומ שיפל געבליבנ שטײנ אינ פארלעגנהײַט: זאָל ער נעמענ א קאָסע פונ די, װאָס זײַנענ פארזעצט געװאָרנ אופ זאפּאַס, װײסט ער ניט, װעלכע פונ זײ איז בע־סער, אונ א קאָסע מוז ער דאָכ האָבנ א גוטע, װי פּיַװוקע.

—ריװוקינ!—האָט ער א געשרײ געטאָנ, — קלײַב מיר אױס א קאָ־סע, מאָרגנ גײ איכ מיט פּיַװוקענ אינ געװעט!

נאָר אָנשטאָט ריװוקינענ איז אונטערגעקומענ פּיַװוקע מיט א קאָסע אינ האנט:

—נא, אמעריקאנעצ, א בריטװע, אונ קומ אינ געװעט, מאכ א בײ־מענג מע זאָל זי דיר ניט אװעקשלעפּנ.

רובינ איז געבליבנ שטײנ מיט דער קאָסע אינ האנט א מאָדנע פארטראכטער אונ געקוקט אופ פּיַװוקעס ברײטנ, קורצנ קערפּער, װאָס האָט זיכ געװיגט צומ שיפל.

די לשװאָנע האָט זיכ געגליטשט נאָכ די שיפלעכ. אײנס אונטער־אנדערנ האָבנ זיכ די שיפלעכ געשניטנ ארופּ װאסער, ניט װײַט פונ ברעג. שטיל איז געװענ אופנ אמור, שטיל זײַנענ געשטאנענ די גרע־נעצבערג אונ פלאטערנדיק האָבנ זיכ געבױגנ די קעפּלעכ פונ די קוסטעס אונ האָבנ זיכ געפלאָכטנ אײנס אינעמ אנדערנ.

נאַכט.

שטיל.

קאַלטע לעוואָנטע־שײַנען זילבערט די פענצטער, די אויגן שנײַדן דעם צווייטן ווײַט־ווײַטן ברעג, באַ וועלכן מע דאַרף זיך אָפּשטעלן.

פיר פאָר וועסלעס אַרבעטן צום טאַקט. צוואַנציק פאָר אויגן שנײַדן די ווײַט און צוואַנציק הערצער זײַנען עפּעס מאָדנע צאַפּלדיק געוואָרן.

פּיִוּוקע האָט אָנגעשטאָט, ווי זײַן געוווינהײַט איז, אַרײַנצורוקן צוויי פינגער אין מויל, א פאָר מאָל גענומען פאַרציִען זײַן באַליבט לידל:

„או קיטײַצעוו גענעראַלי,
ווסיע וואַיאַקי סמעליִע...“

זײַן קאָל האָט זיך צעשיט איבערן אַמור און אײַנגעשלאָגן אין די טונקעלע גרענעץ־בערג.

— ש... ש... ש... די גרענעץ־וואַך איז נאָענט...

בלײַבט ער שטיל, פּיִוּוקע, און שלינגט, ווי אַלע, מיט די אויגן דעם ברעג, וואָס דערנעענטערט זיך.

## קאַפּיטל פיר

מיטן טאָג צוגלײַך איז מען אָפּגעשטאַנען נאָך א נאַכט ניט שלאָפן. וואַך זײַנען די קאָמונאַרן א גאַנצע נאַכט געווען, ווײַל די קאָמאַרעס זײַנען זיי באַפאַלן ווי לאַנג אויסגעקוקטע געסט. דאָך האָט ריוּקין, דער בריגאַדיר, א געשריי געטאָן אינעם פרימאָרגן אַרײַן.

— בעווּרע, צײַט אופשטיין צו דער אַרבעט!

ס'האָט אים א ברען געטאָן צווישן די פינגער. די ערד האָט זיך אונטער זײַנע פיס אָנגעצונדן. ער האָט געכאַפּט א קאָסע און האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין די הויכע גראָזן אַפּלייגן א וואַל היי. ער האָט אויסגעשניטן א סטעזשקע און נאָך אים האָבן זיך אַוועקגעלאָזט איי־נער נאָכן אַנדערן א גאַנצע ריי שניטער.

די אַרבעט אָפּן אַמור האָט זיך אָנגעהויבן.

צווישן די ערשטע שניטער איז געגאַנגען פּיִוּוקע. ער האָט אַראָפּ־געוואָרפן פון זיך דאָס העמדל און אַוועקגעשיקט די צוויי געזונטע הענט זײַנע אין דער אַרבעט אַרײַן, געשניטן ברייטע האַלבע קרײַזן. ער איז נאָכגעגאַנגען צום טאַקט פון דער קאָסע און דער קערפּער האָט זיך געקערט פון רעכטס אַף לינקס, פון לינקס אַף רעכטס.

הינטן, צווישן די סאמע לעצטע, איז געגאנגען מייער רובין און געדרייבעט מיט דער קאסע אין דער ערד. ער האט געהאקט אין גראז מיט דער קאסע מיט אלע קויכעס. א שווייס האט זיך באוויזן אף זיין פּאַ־נעם און די גרעזער, אנשטאט זיי זאלן זיך אוועקלייגן אפגעשניטענע, האבן זיי זיך נאר איינגעבויגן, ווי זיי וואלטן מוירע האבן פאר א קלאפּ, און ווען ער האט געמאכט א טריט פאַרויס, האבן זיי זיך צוריק אויסגעגלייכט און געבליבן שטיין, ווי זיי וואלטן פון אים געכויזעקט...

ער איז געבליבן הינטערשטעליק, פאר זיינע אויגן האט זיך אוועק־געצויגן א לאנגע־לאנגע ריי, וואס איז אוועק אין זייער א שיינעם טאנץ. ער איז געבליבן שטיין און פארכאפּט געקוקט פון דעם שיי־נעם בילד. דאס ערשטע מאל זעט ער אזא שיינעם טאנץ: דער טאנץ איז א שיינער, די זון שײַנט און ברענט די קערפּערס, וואס באוועגן זיך גראציעז, צום טאקט, איינער הינטער אנדערן. די הענט שלאגן ריטמיש אין דער לופט און די קאסעס שנײַדן די שטראלן פון דער זון.

זייער א שיינער טאנץ.

נאר וואס־זשע שטייט ער אזוי פארטראכט און קוקט ווי פּיווקע טראגט זיך אוועק ווייט ווייט, אט, פארגייט ער שוין אין האלבן קרייז און באלד וועט ער גיין אף צוריק און זיי וועלן זיך באגעגענען — פּיווקע אף צוריקוועגס און ער, רובין, נאך אלץ ארויפוועגס — און אפּ־געשטאנענער און פארשעמטער.

נעמט ער שארפן די קאסע, נאר עפּעס איז ניט דאס, די קאסע שאקלט זיך אים אין די הענט און עס שארפט זיך ניט, מיט זײַן רײַבן דאס שארפשטיינדל אין דער קאסע באקומט זיך ניט דאס, וואס עס דארף זיך באקומען נאכן שארפן א קאסע. אבער ער פארלירט זיך ניט, רובין, ס'איז איצט אן אנהייב, דער ערשטער טאג, פון שוין פארגלייכן זיך מיט פּיווקען קען קיין רייד ניט זײַן און טראַט־ווײַז לאזט ער זיך ארויף פעלד מיטן ברייטן אויסגעשניטענעם וועג.

דעם ערשטן טאג האט מען אפגעארבעט צעוואָרפן, אָן רעכענונג. ס'איז געווען א מין פּרווו פון ארבעט. פארנאכט, ווען די צווייטע גרופּע איז אָנגעקומען פון ארלאָווקע, האט מען פארטיילט די פּלעצער פאר די בריגאדעס און באשטימט די נאָרמעס.

— דרײַ מענטשן אף א העקטאר? מ'עט ניט מאכן, דאס זײַנען דען סניטערס, דאס זײַנען דאך סיזסערס, — האט בערקע דערווידערט ריווקינען.

— פאראַיאָרנ האָט איינ מענטש געמאַכט א האלבנ העקטאר, ס'זײַנענ אויכ ניט געווענ אזויִנע וואַזשנע העלדנ, — זאָגט פּיַזוקע.

— אנדערע גראָזנ געווענ, ניט געווענ קיינ פארפּלייצונג, די זונ האָט אנדערש געשײַנט, הײַנט וועט מענ ניט מאכנ,—האלט זיכ בערקע בא דאָס זײַניקע.

— דאָס וואסער וועט אָפּפאלנ, וועט מענ הײַנט אויכ מאכנ צו האלבנ העקטאר, — זאָגט ריוזקינ אונ ער נעמט זיכ אויסשנײַדנ צייכנס אפ א שטעקנ אפ צו מעסטנ דאָס וואסער.

— דער אַמור הייבט זיכ!—שרײַט אויס דער אלטער ברייטער,— ס'האָט זיכ הײַנטיקע נאכט אופגעהויבנ אפ דרײַ ווערשקעס.

— אָ, נא! — בא ברייטערנ הייבט זיכ שוינ, — האָט זיכ בעוורע צעלאכט.

— לאָפּאטינ האָט געמאָסטנ! איר ווילט ניט, גלייבט ניט, — ער האָט זיכ אָפּגעקערט פונ דער בעוורע א שטארק טרויעריקער. ס'האָט אימ געביסנ אונ ער האָט זיכ געקראצט מיט סאקאָנעס. וואָס מער ער האָט זיכ געקראצט, אלץ מער האָט אימ געביסנ.

טעג זײַנענ געשטאנענ שיינע, ליכטיקע אונ הייסע. די קאָסעס האָבנ וואָס א טאָג ווײַטער געקלונגענ פריילעכער אונ דרייסטער. די הענט בא די ערשטליגענ האָבנ זיכ גענומענ באוועגנ זיכערער, די ווײַטעקנ, וואָס זײַנענ ארײַנגעקראָכנ די ערשטע טעג, זײַנענ ביסלעכווײַז ארויס צוריק אונ די קאָסעס זײַנענ געוואָרנ גרינגער אונ געהאָרכזאמער.

ווענ ניט דאָס, וואָס די אויגנ האָבנ אנדערש געשפּילט ווי בא אלע, וואָלט מענ ניט געקאָנט איינ גרוניענ דערקענענ, אז זי איז „גרוניע". מע האָט איר געקאָנט אָננעמענ פאר א „באָכער". אויסערלעכ האָט זי זיכ מיט גאָרניט ניט אונטערגעשיידט פונ אלע אנדערע שנייטער: א פּאָר הויזנ האָט זי געטראָגנ ווי אלע, א העמדל ווי אלע, א טיכל אפנ קאָפּ ווי אלע, אונ מיט דער קאָסע איז זי אויכ ניט געווענ פונ די ערגסטע. זי איז דאָס ערשטע מאָל אפ הייִשניט, די הענט האָבנ די ערשטע טעג געבראָכנ מיט סאקאָנעס, אונטער די אָרעמס האָבנ זיכ באַזעצט צוויי קארטאָפל אונ האָבנ געצויגנ דעמ גאנצנ קערפּער. נאָר גרוניע האָט באהאלטנ דעמ ווייטעק, א קרענק וועט זי אימ ארויסווײַזנ, ווײַל א סאכ האָבנ געוואַרט אפ א קרומער מינע, אפ א קרעכצ, אפ איינ האלבנ טאָג ניט ארויסגייענ צו דער ארבעט. מע האָט

עס אויסגעקוקט. נאָר זי בײַסט די ליפּנ ביז בלוט און פירט די קאָסע, ווי נאָכ א לאַנגיאָריקער געוווינהײַט. זי ענטפערט ניט, ווענ מע פרעגט בא איר: „וואָס מאַכנ עפּעס די קאַרטאָפל בא דער כאַווערטע גרוניע און ווענ ווערנ זיי שוינ פאַרטיק?”.. זי ענטפערט ניט, זי ווײַזט ניט ארויס קיינ ווייטעק. פאַרקערט, זי איז פריילעכ, אירע אויגנ, וואָס זײַ־נענ ניט אויסגעשלאָפנ פונ ווייטעק, וואָס זי פילט אינ די נעכט שטאַר־קער ווי אינ די טעג און פונעם בײַסנ פונ די קאָמאַ־עס, וואָס מאַ־טערנ אינ די נעכט ביז צום האַרצ־פאַרגיינ, די אויגנ די ניט אויסגע־שלאָפענע שיסנ מיט פריילעכע גלאַנצעלעכ און גיבנ צו מוט ריבינענ: „שנײַד, שנײַד, ברודערקע, אָט־אָט נאָכ א טאָג און דו וועסט זיכ אויסגלײַכנ מיטנ בעסטנ שניטער”.

זיי זײַנענ אינ איינ בריגאַדע, זי מיט ריבינענ. בערקע איז זייער בריגאַדיר.

פײַוקע איז אינ דער צווייטער בריגאַדע. יעדנ טאָג פרעגט ער זיכ נאָכ, ווי עס האַלט מיט רובינענ, צי קענענ זיי שוינ ארויס אינ פאַר־מעסט. ער גלייבט גוט אינ זײַנע קויכעס, פײַוקע, פאַרמאַכט ער איינ אויג און לאַכט.

אינ סאָצגעוועט גייענ אויכ ביידע בריגאַדעס — ריווקינס און בער־קעס, פאַרויס גייט ריווקינ מיט זײַנ בריגאַדע.

—זאָל ער סמײַענ א וועלט,— זאָגט בערקע, — איכ האָב ניט וואָס צו לויפנ.

נאָר פריד, גרוניע און רובינ, וואָס זײַנענ אינ זײַנ בריגאַדע, שלעפּנ אים, דעם בריגאַדיר.

— אָדער געאַרבעט אָדער געגאַנגענ צום טײַוול,—זאָגט פריד, פּי־לנדיק, אז די קאָסע הייבט אָנ גיינ זיכערער אינ זײַנע הענט. אינ די רויכער־מינוטנ כאַפּנ זיי א שטילנ שמועס וועגנ בערקענ. ריווקינ שנײַדט פאָרויס. פאַרנאַכט, ווענ ער קומט צו די בײַדלעכ, דערציילט ער, אז זײַנ בריגאַדע וועט אינגיכנ ארײַנשנײַדנ אינ קיטײַ. זיי שטייענ שוינ נאָענט פונ די בערג.

טעג שטייענ שיינע, גראָזנ שטייענ שלאַנקע, אָנגעגאָסנ מיט פולער צײַטיקײַט און גרינקײַט. וואַרטנ טאָר מענ ניט, וועט די זונ לעכיידער אזוי שײַנענ, וועט דאָס גראָז ווערנ געל — שנײַדט מענ מיט געיעג. מע רוט ניט. מינוטנ בלויז שטעלט מענ זיכ אָפּ אפּ פאַרויכערנ און מע שנײַדט ווײַטער. עס רינט דער שווייס פונ די צעביסענע לײַבער און

מע שנײַדט מיט געזאַנג — מע פאַרציט א ליד און מע טראָגט עס פאָרויס, פאָרויס: מע אײַלט זיך אין א גאָר ווײַכטיקע שליכעס. דאָס פעלד איז אויסגעלײגט מיט וואַלן היי, שוין צײַט אופצושטעלן קאָפּנעס, מע דאַרף טראַכטן פון אופשטעלן סטויגן און די פערד מיט די מאַשינעס שטײען אין אָרלאָווקע אף דער צווייטער זײַט אַמור.

פריד קריצט מיט די ציין, ווען ער דערמאָנט זיך בעריקעס פאַרזיכערונג: — „מע רופט אַרויס פון כאַבאַראָווסק א קאַטיער, פירט ער אַריבער די פערד מיט די מאַסינעס, אין דרײַ־פיר סאָ קומט א קאַטיער, אַז מע רופט אַרויס“.

— מיר זײַנען ווערט פעטש, פעטש זײַנען מיר ווערט,—זאָגט ער צו גרוניען,—ווי האָבן מיר עס געקאָנט דערלאָזן אַזאַ זאַך. קיין שום טערוצים קאָנען דאָך ניט זײַן! — ער פילט, פריד, אַז ער וועט דאַרפן צאָלן, צאָלן מיט דערקלערונגען, מיט אַן ענטפער און... עפּשער מיט נאָך עפּעס גאָר ווײַכטיקס. פריד איז דאָך דער באַפולמעכטיקטער פון פאַרטיי־קאָמערל פון קאָמונע, ער איז דאָך פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער גאַנצער אַרבעט, פאַר דער קוואַליטעט פון היי, פאַרן אויספילן דעם פלאַן. און דאָ שטײען די פערד מיט די מאַשינעס אף דער צווייטער זײַט אַמור און דאָס גראָז טריקנט אונטער דער זון.

דרײַ מאָל האָט מען געשיקט מענטשן אין כאַבאַראָווסק צום אויספירקאָם וועגן א קאַטיער און קיין קאַטיער איז ניט געקומען. דער קאַטיער פון קאָמונע איז אַרויסגעשיקט געוואָרן, שטײט ער ערגעץ צווישן די וואַסערן פון דער טונגוסקע און אַמור און כריפעט מיטן קאַליע געוואָרענעם מאָטאָר.

טראַכט מען און מע קלערט. עס ברענען די מינוטן אפן אַמור, רופט מען צונויף א פאַרזאַמלונג, אַן עקסטרע פאַרזאַמלונג.

עס פלאַקערן אופן שײַטערס און ס׳קנוילן זיך אופן וואָלקנס רויך.

— איז אָט וואָס, כעווערע, פערד מוזן מיר האָבן צו דער אַרבעט, פערד מיט מאַשינעס. — אַלע זיצן אויסגעזעצט אַרום רויך און הערן ריוווקינס רייד — מיר וואָלטן דעם גאַנצן אינדזל אַרומגעגאָלט און מיר וואָלטן געהאַט א טײַערן ווינטער. אַלע וואָלט געווען באַזאָרגט; די פערד, די בעהיימעס און די מענטשן. מיר האָבן באַשלאָסן שיקן נאָך א מענטשן. מיר האָבן באַשלאָסן שיקן פרידן מיט א בריוו צום אויספירקאָם, אָנשרײַבן א בריוו מיט אַלע אונטערשריפטן, באַשרײַבן די גאַנצע לאַגע, אַז מיר זײַנען פּערציק קאָמונאַרן אפן טאַרעבאַרעווער

אינדזל און די פערד מיט די מאשינעס שטייען אפן צווייטן ברעג ניט קיין אריבערגעפירטע, ווײַל עס שטייט א פאר א געפאר, מיר זאלן זיך ניט פארגרייטן קיין היי צום ווינטער. ווי מיינט איר, יאטן? זאגט זיך ארויס.

— וואס איז דא ארויסצוזאגן, מע דארף שיקן און גאר, מער ווי שיקן מענטשן, אפרייסן זיי פון דער ארבעט, קען מען דאך ניט.

— אין צײַטונג דארף מען אנשרײַבן!

— וועגן דער פארוואלטונג דארף מען אנשרײַבן!

— וואס איז שולדיק די פארוואלטונג?

— זיי האבן צוגעשיקט אלץ צו באזארגן.

— זיי האבן באזארגט!

— און א קאטיער האבן זיי באזארגט?!

— זיי האבן באזארגט! — האט ריוויקין א געשריי געטאן מיט קאס, — דעם קאטיער האט מען אוועקגעשיקט קעדיי.... — ער האט פארשלונגען א ווארט און שטיל געבליבן. בערקע איז געלעגן, געצופט א ליפ און געשמייכלט.

— שא! איך האב א פרעדלאזשעניע.

— שטיל, יאטן! פײַוקע האט א ווארט.

— אט וואס, מע דארף אריבערפירן א פאר פערד אזוי, אן א קאטיער.

— אפ די מײַטקעס?

— ווײדל, וואס קריכסטו!

— שטיל, יאטן, לאזט ריידן! זאג פײַוקע, וואס מיינסטו?

— וואס כ'מיין? פארוואס האט מען דא געשניטן פון קראנסערעטשקע? געשניטן. זיי האבן אריבערגעפירט די פערד מיט די מאשינעס אפ לאדקעס? אריבערגעפירט. נו, איז וואס-זשע גלאצט איר ווי די גוילעמער, ביז מ'עט זיך דארט אויסדאסן צו שיקן א קאטיער, קאן מען אופשטעלן א פאר סטויגן.

מע איז געבליבן שטיל. ארום רויך האבן געזונגען די קאמארעס, דער אמור האט שטיל געקלאפט אין ברעג. מע האט געקוקט אף ריוויקינען און געשוויגן.

ריוויקין האט א מינוט א קנייטש געטאן דעם שטערן און געזאגט שטיל, ווי פאר זיך אליין:

— סאקאל וואלט אריבערגעשווומען, א קלוגער פערד איז ער.

— ס'א מוירע ריזיקירן, — מיינט זלאטקין.

— גײ שלאָפּנ, אַז דו האָסט מורא. איכ פֿיר אַריבער צװײ פֿער, אַניט גיב איכ מײַנ קאָפּ!

— גוט, פּײַװקע, מע קאָנ, גוט, איכ פֿאָר מיט דיר, — האָט ריװר־קינ אײַנגעשטימט — בלײַבט עס אַזױ, מיר פֿאָרנ נעמענ סאָקאָלנ, פֿריד גײט אינ שטאָט אַרײַנ אונ דאָ װעט מענ שטעלנ קאַפּנעס.

מע האָט צעשלעפּט די שײַטערס אינ די בײַדלעכ, אינ די קאַמאַר־ניקעס אַרײַנ, מע האָט זײ אָנגעפֿילט מיט רױכ אונ מע איז אַרײַנגע־קראָכנ אינ די זעק שלאָפֿנ.

די קאַמאַרניקעס זײַנענ אױפֿגעצױגנ אַפֿ נידעריקע שטעקלעכ, װאָס זײַנענ אַרײַנגעזעצט אינ דער ערד. אַרום אונ אַרום זײַנענ זײ אַרומגע־שיט מיט ערד. בלױז דורכ אײנ אױפֿגעהױבענעמ עק קריכט מענ אַרײַנ, מע נעמט מיט רױכ אַפּ אַרױסצוטרײַבנ די קאַמאַרעס אונ מע שלאָפֿט אײַנ. מע שלאָפֿט גוט, געשמאַק באַמ ברעג פֿונ אַמור. נאָכ זײער אַ לאַנגנ טאָג שװערער אַרבעט שלאָפֿט מענ געשמאַק. נאָר לאַנג שלאָפֿט מענ ניט. נאָכ אַ פּאָר שעה שלאָפֿנ נעמענ זיכ רודערנ די קאַמאַרניקעס אונ קלאָלעס שיטנ זיכ פֿונ ראָדטנ אַרױס אָנ אַ שיר.

— דוכט זיכ גוט פֿאַרמאַכט דעמ קאַמאַרניק אונ — אָנגעקראָכנ.

— בא מיר איז געװענ אַ רױכ דערשטיקט צו װערנ, קײנ אײנ קאָ־מאַר איז ניט געבליבנ.

— דער שװאַרצ יאָר װײסט עס, װי מע זאָל אומישנע אָנלאָזנ אַהער די קאָמאַרעס.

— קענ זײַנ, אַז ס׳איז עמעצנס אַ שטיקל אַרבעט.

— פּאַקט מענ, — איז געשלאָגנ צומ טױט.

— „שור” לאָזט מענ אָנ. בא מיר איז געװענ אונטערגעהױבנ דער קאַמאַרניק. מע דאַרפֿ „װאַטשנ”,* — זאָגט מאַנ, װאָס װאַרפֿט זיכ װי אַ װאָרעמ אונ קאָנ ניט שלאָפֿנ.

לעבנ אימ אינ אַ קאַמאַרניק ליגט דער אַלטער ברײטער, שטיל.

— אָט, זעט איר, — שרײַט אַרױס מאַנ פֿונ קאַמאַרניק, — דער אַלטער קרעכצער שלאָפֿט גאָר, אימ בײַסט גאָרנישט. ער ליגט זיכ רויִק.

— זאָלסט אַזױ רויִק ליגנ אינ קיװער, אַמעריקאַנעצ גאַנעװ, — שרײַט אַרױס מיט אַ װײנענדיקנ טאָנ דער אַלטער ברײטער אונ צע־קרעכצט זיכ.

* װעטשנ—היטנ.

— קינדער, — זאָגט מאַן, — מע דאַרף „וואַטשנ", איכ נעמ זיכ אונטער צו „וואַטשנ".

— קוואַטש, — ענטפערט ברייטער, — ווער דערוואַרגנ.

מ'איז געפאָרנ ברענגענ סאָקאָלנ. אפ צוצוגעבנ ריווקינענ מוט, דערציילט פּײַווקע סאָקאָלס כאַכמעס.

— געדענקסט ריווקין, — הייבט ער אָנ אונ לאַכט, קאַטשעט זיכ מיט די ווּעסלעס אינ די הענט, — געדענקסט מיט די וואַרעניקעס. אינ א ווייכאָרנוי איז עס געווענ. מע האָט געמאַכט וואַרעניקעס. מיר זײַנענ אַלע געלעגנ אפנ גראָז בא דער סטאָלאָווע, ווי הינט ארומ א יאַטקע. בא די יאַטנ רינט די סליונע פונ די פּיסקעס אונ זעלדע קלעטראַק וויל ניט געבנ פריִער, ביז אַלע וועלנ ווערנ פאַרטיק, כאָטש גיב איר טויזנט קרענק, וויל זי ניט געבנ צו פאַרזוכנ. אונ דאָ ליגט שוינ א שיסל וואַרעניקעס פונ א שטיק הונדערט — אינ פּוטער ליגנ זיי, פעטע. ליגנ מיר אונ וואַרטנ. צו יעדנ וואַרעניק, וואָס זי לייגט אינ שיסל ארײַנ, לייגט מענ צו א קלאָלע. נאָר פאַרפאַלנ — זי וויל ניט געבנ, וואַרט מענ. יאַטנ ליגנ אזוי לאַנג אפ די בײַכער, ביז מע נעמט אײַנדרעמלענ. איכ, ווייסטו דאָכ, האָב פײַנט צו שלאָפנ. ליג איכ אונ קוק אפ די וואַרעניקעס אונ דאָ זע איכ: פונ פעלד קומט זיכ אָנ דער באָכער, סאָקאָל. ער מאַכט א טריט אונ קוקט זיכ ארומ, מאַכט א טריט אונ קוקט זיכ ארומ. זעלדע שטייט באַמ פײַער פאַר-פלאַמט אונ שוויצט. „אוי, טראַכט איכ, דער באָכער וועט פאַטערנ די וואַרעניקעס". איכ וויל א געשריי טאָנ, נאָר עפּעס לאָזט עס מיכ ניט, ער מאַכט עס אזוי קלוג, ווי א געניטער גאַנעוו. „עס, — טראַכט איכ,—זאָל דיר ווויל באַקומענ". גייט ער זיכ צו צו דער שיסל, גיט א שמעק, א לײַכטנ דריי מיטנ ווײַדל אונ א קײַ מיט די ליפּנ. ער האָט פאַרשלונגענ אַלע וואַרעניקעס ביז איינעמ. די גראָבע זעלדע האָט זיכ אָנגעכאַפּט באַמ קאָפּ אונ געמאַכט א גוואַלד: „אוי, די וואַרעניקעס!" נאָר סאָקאָל איז זיכ אוועק מיט אַנ אויסגעשמירטער מאָרדע. כאָטש טראָג אימ אונטער א האַנטעכ אָפּצוּווישנ זיכ. אָט א כאָכעמ א פערד—פאַרענדיקט פּײַווקע אונ שפּאַנט אײַנ די הענט, וואָס האָבנ זיכ א ביסל נאָכגעלאָזט באַמ דערציילנ. דאָס שיפל גליטשט זיכ איבערנ אמור אונ פּײַווקע פאַטשט מיט די ווּעסלעס. פריילעכ, לעבעדיק.

א קלוג פערד, סאָקאָל, א שיינס, א שטאַלטנע פאַרשוינ: שוואַרצער סאַמעט, טיפע, קלוגע אויגנ מיט ציטערנדיקע נאָזלעכער.

גאנץ פּאַרלאָזטע איז זיך צונויפגעקומען קוקן, ווי סאַקאַל וויל ניט אַרופגיין אפן אמור, ווי ער שטייט מיט א פּאָר אָפענע בעטנדיקע אויגן און ציטערט מיט די נאָזלעכער. מע פירט אים אַרײַן אין וואַ־סער, טרינקט ער זיך אָן און ווײַטער גיין וויל ער ניט, כאָטש דער האַרגעט אים. די בײַטשן סווישטשען אין דער לופט, די קוילעס פאַר־לכן און סאַקאַל רײַסט דעם קאָפּ פון צײַמל און ציט זיך אפּ צוריק.
— סאַקאַל, — בעט זיך פּײַווקע, — סאַקאַל, ער גלעט אים דעם האַלדז, ער קושט אים אין דער מאָרדע.
סאַקאַל קוקט אפ אים ווײַטיק מיט בעטנדיקע בליקן און בלאָזט מיט די נאָזלעכער. גיין אין וואסער אַרײַן ווײַטער וויל ער ניט. דאָס ראָחפ שטייט באַם ברעג, טרײַבט אונטער, לאַכט, האַלט אָפּ, ציט אפּ צוריק און גיט צו כייושעק.
א פּאָר שאָ האָבן זיי זיך אָנגעמאַטערט באַם ברעג, ביז פּײַווקע האָט א וואַרפ אראָפּ געטאָן פון זיך די הויזן מיטן העמד און האָט זיך א לאָז געטאָן רײַטן באַם ברעג. ער איז אזוי לאנג אַרומגעריטן און אַרומגעדרייט זיך, ביז ער האָט סאַקאַלן דעם קאָפּ פאַרדרייט און א לאָז געטאָן זיך שווימען מיט אים. ווען סאַקאַל האָט פאַרלוירן דעם באָדן אונטער די פיס, איז פּײַווקע אראָפּגעשפּרונגען פון אים. האַל־טנדיק דאָס צײַמל אין האַנט, איז ער געשוווּמען צום שיפל, וואָס ריוּוקין האָט געפירט באַם ברעג. ער איז אַרײַן אין שיפל, פעסט אַרומגעבונדן דאָס צײַמל אַרום זײַנע קורצע, פעסטע, ברוינע, פאַר־האַרטעווע הענט, וואָס האָבן זיך אָנגעצויגן מיט בלויע שטריקלעך. ריוּוקין האָט א צי געטאָן מיט די ווערלעס און זיי האָבן א שניט גע־טאָן דעם אמור.
גיך האָבן זיי געצויגן פון ברעג, גיך, גיך האָבן זיי גערודערט, זיי האָבן געפיבערט. פּײַווקע איז געלעגן אויסגעצויגן אין שיפל אפן בויך, פעסט געהאַלטן סאַקאַלן באַם צײַמל, וואָס איז געווען אָנגעטאָן אפּ זײַן אופגעהויבענעם קאָפּ. סאַקאַל איז נאָכגעשוווּמען מיט אומעטיקע אויגן, א שרעק איז געוואָקסן פון מינוט צו מינוט אין די צוויי קלוגע פערדישע פּיאָלעטעווע אויגן. ריוּוקין האָט גערודערט שטאַרק און גיך, זײַן גאַנצער קערפּער איז געווען געשפּאַנט. יעדעס אָדערל איז געווען אָנגעצויגן און האָט געאַרבעט. מיט די אויגן האָבן זיי געשלונגען סאַ־קאַלס קאָפּ, וואָס האָט זיך געהאַלטן העכער איבערן וואסער.
באַם ברעג האָט מען זיי אופגענומען מיט א פּאַטשערײַ און מיט

הורא־געשרייענ. ס'איז שוינ געווענ נאָכ דער ארבעט. די נאכט האָט זיכ שוינ געהאט איבערגעגליטשט איבער די מאנדזשוריער בערג.

די קאָמונארנ זײַנענ געשטאַנענ באמ ברעג אונ האָבנ געזוכט מיט די אויגנ אפנ אמור. ווענ זיי האָבנ דערזענ דאָס שיפל, האָבנ זיי זיכ דער־פרייט אונ די פרייד אויסגעשריִענ אינ א הורא.

צומ ברעג זײַנענ זיי צוגעקומענ מידע, שווײַגנדיקע, אָנ אָטעמ. זיי האָבנ געקוקט אפ סאָקאָלנ מיט שולדיקע בליקנ, ווי זיי וואָלטנ קעגנ אימ באגאנגענ א גאָר גרויסע זינד. א פּאָר שאָ איז ער געשטאַנענ, סאָקאָל, בא א קופּע היי אונ האָט קיינ שמעק ניט געטאָנ צו דעמ. פּײַווקע איז די גאנצע צײַט לעבנ אימ געשטאַנענ אונ מיט ליבע גע-גלעט זײַנ האַלדז. בערקע איז צוגעקומענ אונ א זאָג געטאָנ.

— געפּאַטערט האָס בעסטע פערד. אַ מיסע־מעסונע אפ אײַכ!

האָט אימ פּײַווקע אָפּגעמאָסטנ מיט אזא בליק, אז ער האָט זיכ גלײַכ אָפּגעטראָגנ.

מיט סאָקאָלנ איז גאָרנישט ניט געשענ. ער האָט זיכ אָפּגערוט אונ צוריק געוואָרנ א לײַט... נאָר ווענ אריבערפירנ נאָכ א פערד איבערנ אמור, האָט שוינ קיינער מער ניט גערעדט.

באנאכט קאָנ מענ ניט שלאָפנ. עס העלפט ניט דאָס אָנרויכערנ ביז צומ דערשטיקט ווערנ אינ די קאָמארניקעס אונ אינ די בײַדלעכ פארנ שלאָפנ גיינ. אינמיטנ נאכט כאפּט מענ זיכ אופ מיט קרעכצנ אונ מיט קלאָלעס, וואָס מע שיקט אוועק צו עמעצנס קאָפּ. געגנוי צו ווערנ ווייסט מענ ניט. מאנ האָט אָנגעהויבנ היטנ, איז ער פונ מידקײַט אײַנגעשלאָפנ. פּרוּווט מענ איבערוואנדערנ. מע גייט פונ די בײַדלעכ אינ די קאָמאַרניקעס אַרײַנ, פונ די קאָמארניקעס אינ די בײַדלעכ אַרײַנ אונ אומעטומ ווערט מענ געביסנ. אנדערע וויקלענ זיכ אינ די קאָלדרעס אונ לייגנ זיכ אוועק אפ די שיפּלעכ, וואָס שטייענ צוגעבונדנ צומ ברעג. אנדערע גייענ ארומ אונ קראַצנ זיכ. קיינער שלאָפט ניט, די לופט איז שטיל. אויסערנ זשומענ פונ די קאָמארעס הערט מענ גאָרניט. דער אמור ליגט א גלאטינקער אונ די לעוואָנע קריכט ארומ אונ פארבט אימ אינ א גרינעמ קאָליר. כמורנע אונ שטיל שטייענ די מאנדזשוריער גרענעצ־בערג.

אינ אזוינע שלאָפלאָזע נעכט, וואָס כאזערינ זיכ איבער קימאט נאָכ נאכט, קריכט מענ סאָפּקאָלסאָפּ ארויס פונ די בײַדלעכ, מע

פאַרקאַשערט די קאָמאַרניקעס. מע זעצט זיכ אויס ארומ א גרויס שײַטער און מע דערציילט זיכ מײַסעס.

א סאַכ מײַסעס הערט זיכ אויפ דער ברעג פונ אמור און גאָר נײַע, קיינמאָל ניט געהערטע מײַסעס פונ פאַריזש, פונ בוענאָס-אײַרעס, פונ ניו-יאָרק און פונ לאָס-אנדזשעלאָס.

דער אמור איז געוווינט צו הערנ מײַסעס פונ די העלדנטאַטנ פונ רויטע פּאַרטיזאַנער, מײַסעס, ווי מע האָט פאַרטריבנ ווײַסע באַנדיטנ, מײַסעס פונ העלדישנ אומקומ, פונ רויטע באַפרײַער, מײַסעס פונ קאַמפ און פונ זיגנ.

הײַנט הערט דער אמור גאַנצ נײַע מײַסעס: מײַסעס פונ מענטשנ, וואָס האָבנ פאַרלאָזנ די אלטע הײמענ, פאַרלאָזנ גרויסע שטעט פונ ווײַטע פרעמדע לענדער און מע איז געקומענ דאָ צו די ווילדע אמור-ברעגנ קאָרטשעווענ די טײַגע, טריקענענ זומפּנ, פאַרטרײַבנ דעמ איי-ביקנ אײַנוווינער פונ זומפּ — דעמ קאָמאַר און בויענ א נײַ לעבנ פאַר באַנײַטע מענטשנ.

פאַר די קאָמונאַרנ, וואָס זײַנענ געלעגנ ארומ שײַטער און האָבנ אויסגעהערט די מײַנעס פונ די געקומענע קיינ בירעבידזשאַנ, איז אלצ געווענ קלאָר און פאַרשטענדלעכ. ס'איז זיי אפילע קלאָר און פאַר-שטענדלעכ געווענ די ניט קלאָרע און אומפאַרשטענדלעכע מײַסע פונ-נעמ אלטנ ברייטערנ, וואָס האָט עפּעס אָנגעפּלאָנטערט פונעמ געזערד, וואָס האָט אימ פאַרנאַרט, צוגעזאָגט גאָלדענע גליקנ און האָט אימ גאָר פאַרפירט אינ דער ווילדער טײַגע אפ צו שטאַרבנ... ס'איז זיי אלצ געווענ קלאָר און פאַרשטענדלעכ. נאָר עפּעס האָבנ זיי ניט געקאָנט אײַנבײַכנ מאַנס דערציילונג. אינ א מינ מאָדנער שטאָט האָט ער געוווינט — לאָס-אנדזשעלאָס רופט מענ די שטאָט. א נאַגיידנ דאָרט א גאַנצער, דערציילט ער. מאַראַנצנ, ווײַנטרויבנ — אונטערנ פענצטער. נעמ, צי אויס די האַנט און לייג אינ מויל. די מאַגאַזינענ זײַנענ פול מיט אלדאָס גוטס, נא דיר וויפל דו ווילסט, נאָר... גיי, פרוּוו, נעמ עס...

— עכ, — זאָגט ער, — טאַווערישטשעלעכ, איר זײַט נאָכ יונג, טיפ פאַרשטיינ קאָנט איר נאָכ ניט און די אלטע קאָנענ ניט און ווילנ ניט פאַרשטיינ. קושנ דאַרפ מענ דאָכ יעדעס ברעקעלע ערד — אָט אפילע פונ דער וויסטער נאַקעטער טײַגע. עס איז טאַקע גאָרנישט ניטאָ דאָ, עס איז נאָכ רוי, נאָר עס קאָנ דאָכ אזוי פיל זײַנ — עס

וועט האָב אַזויפיל זײַנ! דאָרט ביסטו געשפּאנט, געצווימט, געדריקט און געוואָרנ, דאָרט וועסטו זיך טײלמאָל מיט וואַסער בולקע מיט פּוטער, דאָרט האָסטו אפילע די מעגלעכקײט אופצוהענגענ זיך אָפּ זײַדענע טיכער. און דאָ ביסטו פרײַ, נעמ דאָס בעסטע שטיק לאנד, אַקער, אַרבעט, בוי, שאַפ, באַרײַכער דײַנ לעבנ. דאָ שטערט מענ דיר ניט, פאַרקערט, מע העלפט דיר, באַרײַכערנ זיך. און דאָ באַרײבערטמ דײַנ לאנד. נעמ די טײַגע, בוי א נײַע היימ פאַר ייִדנ, א היימ פונ ערלעכער מי, פונ אַרבעט, א סאָציאַליסטישע היימ.

— נו, ווי נאָך קאָנ אַזוינס מעגלעך זײַנ? — פרעגט ער. — און דאָס פּנעמ פלאַמט אוף, די אויגנ גלאַנצנ, ער איז שטאַרק צעוואַרעמט און צעלויכטנ.

— פאַרוואָס בינ איך געקומענ פונעמ צעבליטנ גאַנײדנ לאָס־אַנהזשעלאָס, פונעמ גאַנײדנ, וואָס האָט זיך שוינ אַזוי צעבליט, אַז ער נעמט שוינ אַזש וועלקנ. פאַרוואָס איך בינ פונ דאָרט געקומענ אַהער אינ דער טײַגע. וואָס הײבט איצט אָנ בליִענ—דאָס איז אַנ אײַנײַנ א פּאָשעטער, נאָר פאַרשטײנ דאַרפ מענ אימ און אויך דערפילנ.

ער האָט געענדיקט, אויסגעצויגנ זיך באַמ שײַטער און געבלאָנדזשעט מיט די בליקנ איבער די ראַכוועסדיקע ברייטנ פונ אַמור, איבער דער טונקעלער גרינקײט פונעמ טאַרעבאַרעווער אינדזל און איבער די שטילע גרענעצבערג. די קאָמונאַרנ זײַנענ געבליבנ ליגנ שווײַגנדיקע, פאַרטראַכטע. מע האָט זיך געסטאַרעט צו פאַרשטײנ דעמ גאַנצנ טאָך פונ מאַנס רייד און מע איז צוגלײַך מיטנ מאָרגנ־בלוי אײַנגעשלאָפנ אַרומ שײַטער, וואָס האָט געטליִעט און געשפּרייט העלגרויע רויכלעך אַרומ די קעפּ.

ווענ די זונ גיט דעמ ערשטנ וואַרעמענ שמיר איבער די פּנעמער, שטײענ שוינ די שײַטער אָפּ די פיס. יאָ געשלאָפנ, ניט געשלאָפנ, יאָ געביסנ, ניט געביסנ, — ווענ דער טאָג אָפּנ אַמור צעקלינגט זיך, קלינגענ אויך די קאָסעס אינ די הענט.

פאַרבײַשווימענדיקע פישער האָבנ אָנגעזאָגט שלעכטע נײַעס: עס פאַרנעמט זיך אָפּ א רעגנ און לאַנג וועט דער רעגנ גיסנ. און נאָך האָבנ זײ דערצײלט נײַעס אינ נאָך טרויעריקער איז די צווײַטע נײַעס געווענ: א צווייטע פאַרפלייצונג וועט קומענ נאָכנ רעגנ, דער טײַך סונגאַרי איז אַרויס פונ די ברעגנ און רײַסט זיך אינ אַמור אַרײַנ. — די מעטעראָלאָגישע סטאַנציע ווײַזט אויך אָפּ א פאַרפלייצונג —

האָבן זיי געזאָגט. די נײַעס האָט מען אופגענומען באַם ברעג פון אַמור, ווי אַ נײַעס אַף אַ מילכאָמע, ערעוו אַ שלאַכט מיט אַ סוינע, וועגן וועלכן מען האָט זיך דערוווּסט, אַז ער גרייט זיך גאָר שטאַרק. און אַז דער סוינע גרייט זיך, מוז מען זיך גרייטן נאָך שטאַרקער, קעדיי רעם צוגעגרייטן סוינע בײַצוקומען. פיבערט אַפן אַמור. די קאַסעס אין די הענט גייען הרייסט און זיכער, און דער אַלטער ברייטער, ווי ער וואָלט זיך אונטערגעגעבן זײַן גורל, גייט אויך, כאָטש אַ שווײַגנדיקער, מיט דער קאָסע אין די הענט אין דער אַלגעמיינער ריי און אַף זײַן ווי אַ ריבײַזן צעריבן פּאָנעם קרימט זיך אַמאָל אַ שמייכל, ווען די קאָסע אין זײַנע הענט זינגט אין אַלנטמיינעם באַר.

און אַזוי איבערן גאַנצן גרויסן טאַרעבאַרעווער אינדזל באַוועגן זיך מענטשן מיט קאָסעס, מיט ווילעס און מיט גראַבליעס. גיך פיבערן די טעג. יעדער איינער פלײַסט זיך אַרבעטן שנעל. יעדער איינער טרײַבט אונטער מיט זײַן שנעלער אַרבעט דעם שאָכן זײַנעם. אַפילע סאָקאָל, אַט דאָס קלוגע, בראַווע פערד, דוכט זיך, פאַרשטייט אויך און פילט די ערנסטקײַט פון דער לאַגע. אויך סאָקאָל אַרבעט פלײַסיק. ער ציט די אָדערן אַפן האַלדז און שלעפּט די קאָפּנעס היי צום ערשטן סטויג, וואָס ווערט הײַנט אופגעשטעלט. ס׳מאַכט גיט אויס, וואָס די זון איז שוין לאַנג פאַרגאַנגען, ס׳מאַכט ניט אויס, וואָס די קאָמאַרעס ווילדעווען איצט מיטן אָנקומען פון דער נאַכט שטאַרקער, ס׳מאַכט אויך ניט אויס, וואָס דער אײַנגעצויגענער מאָגן פאָדערט עסן. דעם אָנדערהאַלבן־טויזנט־פּודיקן סטויג היי מוז מען הײַנט אופשטעלן, מוז מען הײַנט ענדיקן.

צוריק גייט מען פרייליכע, כאָטש שטאַרק אויסגעמאַטערטע. דער אינדזל צעזינגט זיך מיט שטילע, געפרעסטע טענער (די גרענעץ־בערג שטייען סמורנע). מע גייט מיט פרייד. מע פילט ניט די מידקײַט, מע פילט אויך ניט דעם הונגער. זעלדע די קעכן שטייט דאָרט באַם ברעג אין אַ וואָלקן רויך און קאָכט צוויי קעסלען עסן. ברויט ליגט שוין אָנגעשניטן, גרייט צום עסן. און באַלד וועט מען זיך אויסזעצן מיט אַראָפּגעהאַנגענע פיס צום אַמור און מע וועט קײַען געשמאַק, גערונט און מיט אַפּעטיט. דערווײַל גייט מען מיט געזאַנג. די טיכלעך אַף די קעפּ פלאַטערן, די קאָסעס אַף די אַקסלען גלאַנצן מיט מאַטער שײַן אַנטקעגן דער אופגייענדיקער לעוואָנע. עס איז שוין נאַכט, עס איז שוין גוט נאַכט. נאָר קיינער ווייסט ניט פון קיין צײַט, קיינער

פֿרעגט ניט ווי שפּעט ס'איז, מע ווייסט נאָר, אַז אַזוי־פֿיל און אַזוי־פֿיל האָט מען געמוזט שנײַדן, אַזוי־פֿיל און אַזוי־פֿיל קאָפּנעס האָט מען געמוזט אויפֿשטעלן און דעם ערשטן אַנדערהאַלבן־טויזנט־פֿודיקן סטויג האָט מען געמוזט פֿאַרענדיקן. גייט מען מיט געזאַנג, ס'קומען אָן שני־טער, קאָפּנעס־מאַכער און סטויגן־שטעלער, מע קומט פֿון אַלע זײַטן. ס'קומען אָן רוביִן מיט פּיַיוקעס, וואָס האָבן הײַנט געמאַכט דעם ערשטן אַרויספֿאָר צו זייער געווער. ס'קומט גרוניע, א לעבע־דיקע, א ברוינע, א פֿרישע ווי א ציַיַטיקע פּרוכט. זי זינגט מיט די צוויי שפּיצן פֿון אירע גרינלעכע אויגן. זי האָט הײַנט אַלעמען אי־בערגעיאָגט בײַם קאָפּנעס־שטעלן. מיט א האַלבער נאָרמע מער האָט זי הײַנט געמאַכט. פֿון אַלע זײַטן קומט מען און מע באַגריסט מיט אויפֿגעהויבענע קאָסעס און ווילעס דעם ערשטן סטויג, וואָס שטייט אַף א בערגל אינמיטן אינדרויל. אַלע זײַנען פֿריילעך, מע וואַרפֿט פֿון זיך די הויזן און מע שפּרינגט אינעם פֿרישן קילן אַמור.

עס לעבן אויף די ברעגן פֿון אַמור.

מיט אָנגעשפּיצטע אויערן זיצט מען אַפֿן ברעג, מע קײַט ברויט מיט שטיקער פֿלייש און מע הערט זיך צו, עפּשער קלאַפּט א מאָטאָר, עפּשער קומט שוין א קאַטיער. ס'איז יעדנס גרעסטער פֿאַרלאַנג דאָס אָנקומען פֿון א קאַטיער מיט די פֿערד און מיט די מאַשינעס, מע זאָל עס קענען אָן אַרבעט טאָן גיך און גוט. זיצט מען און מע הערט זיך צו צו יעדן נײַעם רויש, וואָס דערהערט זיך אַפֿן אַמור.

די ערשטע טעג האָט אָפּגענאַרט דאָס מאָטאָר־שיפֿל פֿון דער גרע־נעצוואַכ. פֿון ווײַטסטן ווײַט הערט מען דעם מאָטאָר קלאַפּן און ווי א פֿײַנטל מיטן אויג פֿליט עס פֿאַרבײַ דעם ברעג. עס צעשנײַדט דעם אַמור אַף צוויי פּאַסן, וואָס וואַרפֿן זיך געפּאַלדעוועטע צום ברעג און ס'לויפֿט גיך, גיך צו דער גרעניעץ און פֿון דער גרענעץ. הײַנט דער־קענט מען שוין דעם טומלדיקן רויש, וואָס עס מאַכט אָן דאָס שיפֿל אַפֿן אַמור. א פּאָר מאָל אין טאָג לויפֿט עס פֿאַרבײַ דעם ברעג. ס'איז לעבעדיק אַפֿן אַמור: שיפֿן גייען, גרויסע שיפֿן, מיט ליכט און מיט געזאַנג גייען די שיפֿן אַפֿן אַמור. מע טאַנצט אַף די שיפֿן, מע שפּילט און מע זינגט דאָרט. פֿון ברעג באַגריסט מען די פֿאַרבײַגייענ־דיקע שיפֿן מיט אויפֿגעהויבענע קאָסעס און פֿון דאָרטן ענטפֿערט מען מיט ווײַסע טיכלעך.

# קאפיטל פינפ

ס'איז געווענ נאכ א זייער שווערנ ארבעטטאג, נאכ א טאג, ווענ די מוירע פאר נאענטע רעגנס אונ מעגלעכע פארפלייצונגענ האט גע־שפאנט די אדערנ, שיר ביז פלאצנ. איז מענ נאכ דעמ טאג טייקעפ נאכנ עסנ אוועקגעפאלנ שלאפנ. אינ די קאמארניקעס איז אויכ עפעס שטילער געווארנ.

נאכ דעמ, ווי מאנ האט זיכ אונטערגענומענ צו היטנ, ליגט מענ אינ די קאמארניקעס אונ מע שלאפט. פארנ איינשלאפנ הענגט מענ אנ די שפיצנ פונ די אויערנ אפנ אמורס וויטקייטנ, מע איז גרייט אופצורייסנ די אויגנ, וואס קלעפנ זיכ אונ באגעגענענ דעמ קאטיער, וואס מע קוקט אויס מיט אזוי פיל באגער. נאר ס'איז שטיל אפנ אמור, אויסער די קאמארנ־געזאנגענ קאנ מענ הערנ דעמ לויפ פונ וואסער אונ ווי א צווייג פאלט פונ א בוימ ערגעצ אפנ אינדזל.

אינ דער נאכט האט ריווקינ ניט געקאנט איינשלאפנ. פונ טכילעס נאכט ליגט ער אינ קאמארניק אונ דרייט זיכ אונ שילט. גרוניע, וואס שלאפט אינ א קאמארניק אינ שכיינעס מיט אימ, וועקט אימ, פרעגט אימ, דעמ פארהארטעוועטנ בירעבידזשאנעצ, וואס איז דער מער מיט אימ, צי לאזנ עס אימ ניט שלאפנ די קאמארנ, אדער עפעס אנ־דערש. ענטפערט ער איר, אז מע האט אייגנטע הינט, וואס בייסנ אינ דער שטיל ערגער ווי קאמארנ. א קאמאר, — זאגט ער, — איז כאטשבי ערלעכ, — ער זינגט באמ אויער, אונ זאגט דיר אנ: כ'גיי בייסנ, היט זיכ, אויב דו קאנסט". אונ דא בייסט מענ דיכ אינ דער שטיל. זי האט אימ ניט איבערגעפרעגט, וועגנ די „בייסער אינ דער שטיל", ווייל זי האט געוווסט, אז בערקע ליגט אויכ דא ניט ווייט פונ זיי, איינגעוויקלט אינ א זאק, מיט אויסגעצויגענע אויערנ. ער איז היינט ניט געפארנ צומ ווייבל אפ נאכטלעגער, בערקע. נאכ ברויט קיינ ארלאווקע זיינענ אנדערע געפארנ, ריווקינ האט א געשריי געטאנ, ווענ בערקע איז געגאנ זיכ זעצנ אינ שיפל: „גענוג געפארנ צומ ווייבל אפ האלבע טעג!" — האט ער א שמיץ געטאנ די וועסלעס, בערקע, אונ האט זיכ געלייגט שלאפנ אנ וועטשערע.

ריווקינס אופגערעגטקייט איז געקומענ נאכ דעמ, ווענ א פארביי־פארנדיקער קאטיער האט אפגענארט. מע איז זיכ צונויפגעלאפנ צומ ברעג מיט געשרייענ, מע האט געמיינט, אז מע האט שוינ די פערד

מיט די מאשינעס. האָט זיכ ארויסגעוויזנ, אז מע האָט באגריסט גלאט א פארביַיגייענדיקנ קאטיער אונ די פרייד איז צערונענ געוואָרנ' שטארקער פונ אלעמענס פרייד איז געווענ ריוקינס. איז דערפאר זיַינ פארדרוס אויכ געווענ שטארקער.

שויג דער פערטער טאָג ווי מע האָט אוועקגעשיקט פרידנ נאָכ א קאטיער. געוווּסט האָט מענ, אז מיט ליידיקנ וועט ער ניט קומענ, ער וועט קומענ מיטנ קאטיער פונ דער קאָמונע, אָדער ער וועט באקומענ אינ טאבאראָווסק א צווייטנ. נאָר פארוואָס דויערט אס אזוי לאנג? ליגט ריוקינ אונ טראכט: „אָט שמועסט מענ גאָר פונ רעגנס, פונ ניַיע פארפליצונגענ".

— עכ, אינ איַיערע מאמעס אריַינ, פארליעס! — האָט ער אויסגעשריִענ, איבערגעדרייט זיכ אפנ בויכ אונ אריַינגענומענ דעמ קאָפּ אינ די הענט אריַינ.

ער האָט געפרוווט א טראכט טאָג, ווי וועט עס אויסזענ א ווינטער אָנ היי. ער זעט די איַינגעפאלענע זיַיטנ בא די בעהיימעס, בא די פערד אונ די מענטשנ פונ קאָמונע צעלויפנ זיכ, אונ די קאָמונע מוז מענ דאָכ פארשטארקנ, ווענ ניט שטייט זי דאָכ אינ געפאר אונטערצוגיינ, די קאָמונע.

„עכ!" — האָט ער זיכ אנ אופגערעגטער א וואָרפ געטאָנ. ער האָט זיכ ניט געקאָנט באווערנ מיט אזוינע פינצטערע געדאנקענ. א שמיצ געטאָנ מיטנ פוס פונ זיכ דעמ קאָמארניק אינ איז אוועק צומ ברעג. עס איז געווענ אינ דער שטילער מיטנ־נאכטיקער שאָ, ווענ די נאכט האלט זיכ אינ אָפּרוקנ פארנ אָנקומענדיקנ טאָג.

באמ ברעג האָט ער געטראָפנ שטיינ זלאטקינעג מיט אנ אָנגעשטעלטנ אויער צומ אמור. זלאטקינ האָט געשמייכלט.

— ס'האָט זיכ מיר געכאָלעמט א קאטיער, שטיי איכ אונ הער. הער זיכ נאָר איַינ, ריוקינ, דוכט זיכ, ס'קלאפט טאקע עפעס.

ריוקינ האָט צוגעשטעלט דעמ אויער צומ אמור אונ האָט אויסגעשפיגנ מיט א מינע, ווי ער וואָלט אראָפּגעשפיגנ פונ שפיצ צונג א ביטער מיַיכל, וואָס מע האָט אימ געגעבנ צו פארזוכנ.

מע האָט דיר אָנגעדאָסט אינ אויער, — האָט ער א זאָג געטאָנ אונ איז אוועק מיטנ ברעג.

זלאטקינ איז געבליבנ שטיינ. זיַינ פּאָנעמ האָט יעדע וויַילע אופגעשיַינט אונ איז צוריק פאַרנאנגענ. ער איז געשטאנענ אונ געציטערט

פאר אויפרעגונג: אָט קלאַפּט, אָט קלאַפּט ניט. אַך, ווען ער קאָן איצט, אין דער דאָזיקער אומגעוויינלעכער נאַכטיקער שטילקייט אריינשרייען און א וועק טאָן די וועלט מיט אזא מין פריילעכן געשריי: „א קאַ־טיער גייט!" אַך, וואָלט עס א רודער געטאָן! נאָר ער שטייט און זוכט מיט די אויגן. א קליינע מינוטעלע האָט זיך אים גאָר אויסגע־וויזן, אז ערגעץ ניט ווייט האָט א פייערל א שיין געטאָן, ער האָט שוין געהאַלטן אין שרייען „א קאַ..." נאָר ס'פייער האָט זיך פארלאָשן, האָט ער זיך אויך פארלאָשן.

ריווקין איז אָנגעקומען לעבן דעם ברעג. נאָך יעדן טריט האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און א כאַפּ געטאָן די שטילקייט פון אמור מיט א שפּיץ אויער.

— נו, ס'קלאַפּט צי ניט, — פרעגט זלאַטקין.

— ס'קלאַפּט און ס'הערט אויף, דער טייוול ווייסט עס!

ער האָט זיך געלאָזט גיין צום שיפל, מיטנעמענדיק מיט זיך די קאָלדרע.

— קום כאַפּן א דרעמל, זלאַטקין, ס'בלויט שוין.

זיי האָבן זיך אוועקגעלייגט אין שיפל, וואָס איז געשטאַנען צו־געפּעסטיקט צום ברעג.

ס'האָט געבלויט, שטערן האָבן זיך געגליטשט אין אמור אריין און האָבן זיך געשוווּנקט אין די קילע פרימאָרגן־וואַסערן. די בערג זיינען אויפגעשטאַנען בלויע, מילדע און האָבן זיך געלייטערט אין מאָרגנ־שיין.

ריווקין מיט זלאַטקינען האָבן זיך איבערגעדרייט איבער די קעפּ, נאָר געשלאָפן זיינען זיי ניט. זיי האָבן יעדע ווײַלע אויפגעהויבן די קעפּ און האָבן זיך איינגעהערט צום אמור, וואָס האָט געמישט זיינע וואַסערן מיט העלע פארבן. זיי זיינען געווען זיכער, אז ערגעץ ניט ווייט שטייט דער קאַטיער, אָדער א קאַליע געוואָרענער, אָדער ער וואַרט ביז ס'וועט ליכטיק ווערן — וואָס־זשע קלאַפּט ער? ווען ער וואַרט ביז טאָג, וואָלט ער דאָך פארשטומט געוואָרן — געוויס כריפּעט ער דאָרט מיט די קראַנקע לונגען.

— קיין רעכטע מאַשין איז בא אונדז נאָך אַלץ ניטאָ, — זאָגט ריווקין מיט א זיפצל.

— א גוטער קאַטיער מאַכט דעם וועג אין אכט שאָ, און אונדזע־רער, אז ער פאָרט גוט, פאָרט ער צוויי מאָל אכט.

זיי בלײַבן שטיל. דערנאָך גיט ריוקין א זיפּצ אין דער קאָלדרע אַרײַן.

— אוי, ווי מיר וואָלטן שוין איצט געהאַלטן, ווען ער לאָזט ניט אוועק דעם קאַטיער, אין זײַן מאַמעס אַרײַן!

— מיר וואָלטן שוין באַלד געווען פאַרטיק מיט די זיבעציק טויזנט פוד.

— ער וועט קריגן איבערן קאָפּ, בערקע.

— ער וויל אוועק פון קאָמונע, — זאָגט זלאַטקין, — כ'האָב געהערט, ער האָט גערעדט מיטן ווײַב.

— אוועק וועט ער, — זאָגט ריוקין, — נאָר ניט אליין, מע וועט אים אַרויספירן מיט מוזיק, מיט א קנאַק וועט מען אים אַרויסשמײַסן, די קרעמערישע נעשאָמע.

זיי בלײַבן ווידער שטיל. זלאַטקינס אויגן נעמען זיך קלעפּן, נאָר ריוקין שלאָפט ניט.

— זע, — זאָגט ער, — ווען די מאַשינעס וועלן קומען, גוט און גיך זיך אויסלערנען בא זיי, ועסטו ווערן בריגאַדיר, און אים, צום טײַוול וועט מען שיקן.

נאָר זלאַטקינס אויגן פאַרמאַכן זיך און א בלוי שמייכעלע שפּילט זיך אַרום זײַן מויל. ער שלאָפט אײַן.

ווען די זון האָט א וואַרעם געטאָן, האָט זיך זלאַטקין אופגעכאַפּט מיט א פרייליכן געשריי:

— א קאַטיער! יאַטן, א קאַטיער פאַרט!

פון אַמור האָט זיך געטראָגן דאָס איינטאָניקע,פרייליכע קלאַפּן פון א קאַטיער. צעטראָגענע, מיט די הויזן אין די הענט, זײַנען אלע געלאָפן צום ברעג. מע האָט געריסן די אויגן און מע האָט געבלאָנזשעט איבערן וואַסער.

— ווי גייט, ס'גייט גאָרניט.

—זלאַטקין, אין דײַן מאַמעס אַרײַן, האָסט אָפּגענאַרט.

— ער האָט אליין ניט געקאָנט אײַנשלאָפן, האָט ער אלעמען אופגעוועקט.

— שאַט! ער גייט.

— ער קריכט.

— ער פאַרט!

— שטיל, מע שרײַט!

— וועֶר שרײַט!

— פריד!

— יאָ, אָט קריכט ער, א געלער. אָט באַם ברעג, נעבן די נידעריקע קוסטעס.

— יאָ, יאָ, הורא! הורא! הורא!

די זון, וואָס איז אהער געקראָכן פון די בערג, האָט באַשײַנט דעם אמור מיט אלע זײַנע ברעגן. פון דער צווייטער זײַט אמור האָט געאָטעמט א געלער קאטיער. מ'האָט פון דאָרט געשריען צום ברעג. מע האָט דײַטלעך געהערט פרידס געשריי. הינטן האָט זיך נאָכגעשלעפּט דער באַרקאַס מיט די מאשינעס.

אַפּ ריוואַקינס ניט אויסגעשלאָפענעם פּאָנעם האָט זיך אָנגעצונדן א געשעפטלעכער ערנסט. ער האָט שוין געאַרבעט, ער האָט שוין צונויפגעשלעפּט די שטאַרקסטע יונגען און אין מיליטערישער אָרדענונג האָט ער זיי אויסגעשטעלט. די געזונטע הענט זײַנען גרייט געווען א שלעפּ צו טאָן די מאשינעס פון באַרקאַס.

דער קאטיער האָט שוין געשניטן דעם אמור אין דער ברייט, ער האָט זיך דערנענטערט צו די בײַדלעך. די זון האָט געשײַנט און באַלויכטן די גאַנצע וועלט. זעלדע האָט געלייגט א פײַער און געשעפּט פון אמור קעסלען וואַסער אַפּ אָנבײַסן.

גרוניע איז אַרומגעשפּרונגען א פריילעכע, א פרימאָרגנדיק-אָפּגעוואשענע. זי האָט אַרומגענומען רובינען און האָט אים אַרײַנגעלאַכט אין פּאָנעם.

— האָסט מיך גוט ליב, גרוניע? — האָט ער אויך אזוי לײַכט שטיפעריש, ווי זי, געשמייכלט.

זי האָט זיך פון אים אוועקגעדרייט אַן אָנגעפילטע מיט פרייד. ס'איז געווען פריילעך באַם ברעג.

דער קאטיער איז אָנגעקומען מיט מאשינעס, מיט פערד און מיט א גאַנצער גרופּע דײַטשן.

— גוט מאָיען, גוט מאָיען, טאָפּאַרישטשעס, ווי גייטס?

— דײַטשן?

— יאָ, יאָ, דויטשן, דויטשן.

— פונוואַנען קומען יידן? — פרעגט פּײַוואַקע.

— וואָס, יאָ פון האַמבורג, פון דויטשלאַנד.

— וואָס-זשע, איר זײַט געקומען בויען סאָציאַליזם?

— יאָ, יאָ, סאָציאַליזמוס בויענ, סאָציאַליזמוס.

— נו, מאכטייסע, מאכטייסע, — רעדט פּיַוקע מיט פּאַסאכנ, — לייגט אוועק די פּעקלעכ אונ גייט זיכ וואַשנ...

— קוואַטש, שויטע, דומקאָפּ.

— ניט קיינ יאָלדנ זיַנענ דאָ געקומענ, — קומט אונטער פריד אונ זאָגט פּיַוקענ גליַיכ אינ פּאָנעמ אריַינ, — דיַיטשע פּאָרט-ארבעטער.

— פּארטייישע — באמערקט זלאטקינ.

מ'האָט באקוקט זייערע שיכ מיט די טשוועקעס אונ דער אלטער ברייטער, וואָס האָט אמאָל געזענ דיַיטשנ האָט איצ זיי דערקענט עמעסע דיַיטשנ.

— אלע, וואָס טראָגנ שיכ מיט טשוועקעס, זיַנענ דיַיטשנ, — זאָגט ער.

— אונ וויאזוי דערקענט מענ נאקעטע דיַיטשנ? — פרעגט פּיַוקע.

עכ וואָלט איכ דיר געענטפערט, — זאָגט דער אלטער, — ווענ די זשענשטשינע שטייט ניט דאָ.

— די זשענשטשינע גייט דאָכ אינ הויזנ, שטאַחבנ זאָלסטו, צי מע דערקענט אָפּ איר צי זי איז א זשענשטשינע, — שווערט פּיַוקע בא ברייטערנ.

די דיַיטשנ האָבנ זיכ אָפּגערוקט. זיי האָבנ פונאנדערגעוויקלט א ביַידל אונ מיט א פּאָר, פאר אלעמענ אומפארשטענדלעכע ווערטער, וואָס איינער האָט צומ אנדערנ געשריענ, האָט זיכ דאָס ביַידל אופגעשטעלט אָפּ די איַיזערנע פיסלעכ.

— זעסט, — זאָגט דער אלטער ברייטער אונ זיַינ פּאָנעמ גלאנצט פאר גרולע, — זעסט, אָט, דיַיטשישע טעכניקע, פּיפּ-פּאפּ — אונ פארטיק.

ער זאָגט עס אינ אזא טאָנ, ווי ער וואָלט מיט דעמ געמיינט ארויסרופנ די דערהבּיַשטייענדיקע ביַידלעכ, נאָר קיינער ענטפערט ניט. דער איינציקער, וואָס וואָלט ניט פארשוויגנ — פּיַוקע — שלעפּט דאָרט די מאשינעס פונ בארקאס. זיַינ איַיזערנע פלייצע טרעשטשעט אונ האלט אויס די שווערע מאסע, וואָס מע לייגט אָפּ איר ארופּ.

די דיַיטשנ האָבנ אָנגעטראָגנ היי אינ ביַידל, האָבנ זיכ אויסגעבעט אונ זיַינענ ארויס באקוקנ די וועלט.

זיי זיַינענ ארומגעגאנגענ דעמ ברעג אונ האָבנ געפּאטשט מיט די ליפּנ.

— פײַן, פײַן, ס'איז גאָר גרויסארטיק!

אַלץ איז זײ געפעלן: די בערג, דער אמור, די הויכע גראָזן, וואָס דער העכסטער דײַטש איז דאָרט פארקראָכן איבערן קאָפּ און די גראָ־בע זעלדע איז זײ אויך געפעלן.

— פײַן, פײַן! — האָבן זײ געזאָגט, — גרויסארטיק!

דער טאָג איז געווען זײער אַ פרײלעכער, די שטימונג זײער אַ געהויבענע. ס'האָט זיך גאָר לעבעדיקער געאַרבעט, און פאַרנאַכט איז באַם ברעג געווען גאָר פרײלעך. די פּוּפּצן פערד האָבן אַרײַנגעבראַכט הײמלעכקײַט אַפן ברעג. זײער פרײלעך קלאַפּן מיט די קאָפּיטעס און זײער כראָמטשען דאָס גרינע פרישע הײ, האָט פאַרגרעסערט די דער־הויבענע שטימונג.

דער ברעג האָט אויפגעלעבט. מאַשינעס מיט פערד שטײען גרייט אַפּ אַרויסצופאָרן, דײַטשן דערצײלן נײַס פון דײַטשלאַנד, אויך פריד גיט איבער די געשיכטע מיטן קאַטיער, וואָס האָט זיך פאַרקילט אַפן וועג און מע האָט געמוזט אַרויסרופן אַ קאַטיער פון כאַבאַראָווסק, וואָס זאָל אים נעמען אַפן בוקסיר.

ס'איז ליכטיק באַם ברעג. שײַטערס קנאַקן פרײלעך אין אַלע זײַטן, וואָלקנס רויך וויקלען זיך אַרום די פערד, אַרום די מענטשן, אַלע זײַ־נען צופרידן, נאָר די דײַטשן קלאָגן זיך:

— קוואַטש, ס'עסט דאָך די אויגן אויס.

—יאָ, יאָ, ס'עסט, ס'עסט, — זאָגט פײַוועקע, — אָט דעם ייִדן, — ווײַזט ער אַפּ ברייטערן, — האָט עס שיר אויפגעגעסן.

— וואָס קוואַטשסטו, גײ מיר לאָוז.

— נײן, ניט קײן לײַז, קאָמאַרעס, מאָשקאַ, מאָקרעצ, יאָ, יאָ, ווי איך בין אַ ייִד.

ס'איז לעבעדיק מיט די דײַטשן אַפן אמור.

די אַרבעט איז איצט אַוועק אַגדעריש. איצט האָבן גערוישט די מאַשינעס. איצט זײַנען די אויסגערוטע פערד געלאָפן מיט די קאָפּנעס צו די סטויגן און די סטויגן זײַנען געוואַקסן ברייט און הויך.

באַ די שנײַדמאַשינעס פירט אָן בערקע. ער האָט זיך אַלע זײַנע יאָרן אין קאָמונע אויסגעצייכנט באַ מאַשינעס. ער האָט ליב געהאַט דעם מעכאַניזם.

— דאָס מאַשינדל איז אַ פײַנינקע זאַך, — פלעגט ער זאָגן, — דאַרפסט קײן בײַץ ניט און דעריקער סע גיט פראָדוקציע.

הײנט איז ער צוגעגאַנגען צו די מאַשינעס פֿויל און אָן איבעריקן כײשעק. אז ריװקין האָט אים אָנגעװיזן אױף זלאַטקינען און האָט אים געזאָגט: „נעם אים נאָר גוט אין דער אַרבעט אַרײַן, זאָל ער זיך גוט אױסלערנען". — האָט ער פֿאַרקרימט דאָס פּנים, בערקע, און האָט אַ װאָרטשע געטאָן:

— אַ יױרעס צוגרײטן, ער זאָל מיך יאַרסענען...

— ריװקין האָט ניט געענטפֿערט. אָבער ס'איז אים געפֿעלן געװאָרן, װאָס בערקע פֿילט שױן דעם טאַם זײַנעם.

קײן איבעריקע הילף האָט ער זלאַטקינען ניט געגעבן בײַ דער מאַשין. ער האָט אים נאָר געהײסן קוקן. קײן שטאַרק קאָמפּליצירטער מעכאַניזם איז אין דער שנײַדמאַשין ניטאָ, קײן באַזונדערע פֿײַקײטן אױף גיך זיך אױסלערנען אַרבעטן אױף איר פֿאָדערן זיך ניט. האָט זיך זלאַטקין באַלד אין ערשטן טאָג מיט אַלע זײַנע כוחות אײַנגעגעסן אין דער מאַשין, און אױפֿן צװײטן טאָג איז ער שױן געזעסן אױפֿן זיץ פֿון דער שנײַדמאַשין און ׳לעבעדיק געקנאַקט מיט דער בײַטש.

טעג זײַנען געגאַנגען אָנגעלאָדענע און פֿול אױסגעפֿילטע. קײן מינוטקעלע אין טאָג האָט ניט געהאַט אין זיך קײן בלױזע פּוסטקײט. יעדער רעגעלע איז אָנגעפֿילט מיט זיסער אָנגעשטרענגטער אַרבעט-מי.

אײן קלײנע בריגאַדע פֿון די בעסטע שניטער איז געבליבן שנײַדן מיט די קאָסעס אױף די ערטער, װוּ די מאַשינעס קאָנען ניט צוקומען. צװישן די בעסטע געפֿינט זיך אױך מײער רובין. ער שטײט שױן איצט ניט אױף פֿון די בעסטע, אַן אָפּשניט פֿון צװײ מעטער די ברײט מאַכט ער שױן, קײן „װאָנצעס" אין די זײַטן לאָזט ער אױך ניט איבער און שפּאַנט מיט דער קאָסע, װי אַ לאַנגיאָריקער שניטער.

איצט גײט ער גלײַך מיט פּײַװוּקען.

— זעסט, — זאָגט פּײַװוּקע, — האָסט זיך אױסגעלערנט שנײַדן.

— שױן באַלד דריאָגט, פּײַװוּקע!

— ביסט אַ מאָלאָדיעץ, אַמעריקאַנעץ, דריאָגנ — יאָ, נאָר אַריבעריאָגנ, ניע סמײ, בראַט! מעגסט זיך זײַן אַן אַמעריקאַנעץ. מיר האָבן געשװוירן, אַז מיר װעלן אײַך, אַמעריקאַנצעס, אַריבעריאָגן!

און אַ גײ טועגדיק מיט דער קאָסע פֿאָרױס (פּײַװוּקע גײט שטענדיק דער ערשטער), האָבן זיך זײַנע הענט אַזױ צעשפּילט און די קאָסע האָט זיך אַזױ צעזונגען, אַז, ניט אָפּשטעלנדיק זיך, איז ער דרײַ מאָל אַרומגעגאַנגען דעם שטעכ, װאָס געװײנלעך שטעלט מען זיך אױף יע-

דעם מאָל אָפּ אָפּכאַפּן דעם אָטעם און פאַרדרייען מאַכאָרקע. ווען ער האָט דעם דאָזיקן שעטעכל געענדיקט, האָט ער זיך אומגעדרייט צו דער בריגאַדע מיט אַ שמייכל:

— נו, יאַטס, וואָס הערט זיך, אַנגעמאַטערט זיך, וואָס? נאָך דריַי מאָל ווער גייט אַן אָפּשטעל?! — האָט ער אַרויסגערופן, שטייענדיק גרייט זיך אַוועקצולאָזן מיט דער קאָסע פאָרויס. נאָר קיינער האָט אים ניט געענטפערט. מ'האָט געדרייט מאַכאָרקע און אָפּגעעטעמט.

מייער רובין האָט מיטן טיכל פון קאָפּ געווישט דעם שווייס פון פּאָנעם.

— נו, וואָס הערט זיך מיטן אַריבעריאָגן? — פרעגט פּיַיווקע, בלאָזנדיק דעם רויך צום הימל.

— אָבער שנײַדן קאָן איך שוין.

— יאָ, ביסט אַ מאָלאָדיעץ, אַמעריקאַנעץ.

— שאַ, וואַרט צו, איך וועל דיך נאָך אַריבעריאָגן...

— פאַרגעס, ברודערקע, פאַרגעס. מעגסט שוין זאָגן, אַז דו האָסט פאַרשפּילט.

— וואַרט נאָר צו, מיר וועלן זען בײַ די מאַשינעס.

— בײַ די מאַשינעס? — פרעגט איבער פּיַיווקע פאַרוווּנדערט.

ער האָט פאַרשוויגן, רובין, ער האָט זיך אַרויסגעכאַפּט. דער באַ־שלוס פון קעמערל וועגן דעם נײַעם צוזאַמענשטעל פון די אַרבעטער בײַ די שנײַדמאַשינעס איז נאָך ניט געווען פאַרעפנטלעכט, האָט ער אויף פּיַיווקעס פראַגע גאָרניט ניט געענטפערט.

ובאַנאַכט, ליגנדיק אין די קאָמאַרניקעס, האָט מען אונטערגעהערט אַ שמועס צווישן רובינען און פרידן וועגן זייער געוועט. רובין זאָגט, אַז טעכניש האָט ער זיך אויסגעגלײַכט מיט פּיַיווקען, נאָר אַריבער־יאָגן איז אים ניט מעגלעך. ער ווערט גאָרניט מיד — זאָגט ער אויף פּיַיווקען, ער קאָן זיך אַוועקלאָזן נאָך אָנבײַסן און אָפּגיין ביז נאַכט מיט דער קאָסע אָן אָפּשטעל, און איך וועל עס ניט קאָנען.

— אָבער אופגעבן טאָרסטו ניט.

— פאַרשטייט זיך, ער האָט שוין הײַנט געוואָלט מאַכן אַ סאָף, נאָר — מיר וועלן נאָך פּרוּוון בײַ די מאַשינעס. אופגעבן וועל איך ניט.

— טוסט גוט, — זאָגט פריד, — אײַער געוועט האָט אַ סאַך גע־געבן, איצט זײַנען שוין אַלע אַרומגעכאַפּט מיט סאָצגעוועט, אפילו דער אַלטער ברייטער גייט שוין אויך אין געוועט.

— מיט וועמען?

— מיט א דײַטש.

בערקעס אופירונג, זײַן גאנצע באציִונג צו דער ארבעט האָבן א סאך באמערקט. פאַרן קעמערל איז שוין די פראגע געווען א געלייזטע, נאָר איצט, נאָך א פּאָר טעג אָפּארבעטן בא די מאשינעס, האָבן אלע דערזען בערקעס פּאָנעם. פון אלע זעקס שנײַדמאשינעס, וואָס זײַנען ארויס צו דער ארבעט, האָט איין זלאטקין, דער נאָרוואָס אויסגעלערנ־טער, אויסגעפילט די נאָרמע, די איבעריקע זײַנען אָפּגעשטאנען. בער־קעס מאשין האָט זיך פון פרימאָרגן אָן ניט גערירט פון אָרט. די פערד האָבן געקײַט דאָס גראָז און האָבן געשלעפט די ווישקעס. וואָס האָבן זיך נעפּלאָנטערט אין די רעדער. ער, דער בריגאדיר, האָט אינ־מיטן טאָג געשארפט די מעסערס, יעדעס מאָל בא א צווייטער מא־שין געגעבן אייצעס און אָפּ שאָען־לאנג האָט מען זיך נאָר פארקליבן אונטער א בוים, מע האָט צעפלאקערט א שײַטער און מע האָט זיך געזעצט פארייכערן. ער האָט זיך געפלײַסט צו דערווײַזן, אז די קאָ־מונע מוז צעפאלן ווערן.

— א קאָמונע, — האָט ער געטײַנעט, — קאָן נאָר עקזיסטירן, ווען זי איז א קליינע, ניט אָן אָנגעלויפ, איינער קאָן ניט דעם אנדערן, און קיינער האָט ניט גאָרניט. די קאָמונע מוז אונטערגיין.

— וואָס־זשע איז דײַן מיינונג, בערקע? — פרעגט אים א קאָמור־נאר, וואָס האָט זיך גאנץ ערנסט פארטראכט, אויסהערנדיק די רייד פונעם ערשטן פארזיצער פון קאָמונע.

— מײַן אייצע איז א פּאָסעטע: אלע אלטע קאָמונארן, די בעסטע, דארפן אוועקגיין און מאכן באזונדער א קאָמונע, א קליינע קאָמונע, קיין נײַע זאָל מען ניט ארײַנעמען.

ער האָט זיי געקוקט אין די פארטראכטע אויגן ארײַן מיט אַן ארויסרופערישער פראגע: „איר פארשטייט"? און ער האָט צוגעגעבן:

— ערד איז דאָ גענוג, נעם.

— אין ראיאָן וועט מען אזא זאך ניט דערלאָזן, — זאָגט איינער.

— וואָס הייסט ניט דערלאָזן, — כאפּט זיך בערקע, — א נײַע ווירטשאפט וועלן זיי ניט לאָזן מאכן?

— ניין, זיי וועלן ניט דערלאָזן. איצט שטייט די פראגע די אלטע צו פארפעסטיקן, האָסט ניט געלייענט די באשטימונגען?

ער האָט די באשטימונג ניט געלייענט, בערקע, נאָר ער האלט זיכ בא זײַנס. ער האָט אפילע אנ אויסוועג. אויב ס'איז טאקע אזא באשטימונג פאראנ אונ מע פירט די באשטימונג אויס.

— מע דארפ אוועקגיינ. מע דארפ סטעלנ דעם ראיאָנ פאר א פאקט: איר גיט ערד — איז גוט, אניט פאָרנ מיר גאָר אוועק. אונ קיינ אלטע בירעבידזשאנצעס וועלנ זיי ניט לאָזנ אוועקפאָרנ! אָט, וואָס מע דארפ! — ער קוקט אפ זיי מיט א שמייכל, ווי איינער זאָגט: „טראכט נאָכ א קאפעלע, אייצעס קענ מענ געפינענ".

זלאטקינ, וואָס איז קיינמאָל בא די שמועסנ אינ די רייכער־שאָענ ניט געווענ, האָט אָבער שטענדיק געזוכט צו דערגיינ אונ איז טאקע דערגאנגענ דעם פולנ אינהאלט פונ יערנ געשפרעכ. ער האָט עס דערפילט אינ די שטימונגענ, ער האָט עס ארויסגעלייענט אינ די באזונדערע אונ ספעציעלע קלאָלעס צו די פערד אונ אינ די איבערופונגענ פונ איינ מאשינ צו דער אנדערער:

פארנ קעמערל איז אלצ געווענ קלאָר, אונ די פראגע איז געווענ א געלייזטע. איצט האָבנ עס אלע דערזענ.

ס'איז געווענ פארנאכט, נאָכ זייער א הייסנ, שווערנ ארבעטטאָג. אונ נאָכ דעם, ווי אָנוואקסנדיקע וואָלקנדלעכ איבער די בערג דערמאָנענ אינ די נײַעסלעכ וועגנ רעגנס אונ פארפלייצונגענ. די נײַעסלעכ זײַנענ געלעגנ פארבאהאלטנ בא יעדנ איינעמ אונ האָבנ געיאָגט די הענט. איז מענ געקומענ פארנאכט מידע, שוויצנדיקע אונ מע האָט שוינ געטראָפנ די שניטער ליגנ באמ ברעג אָפגעבאָדענע, וואָס האָבנ שוינ מיט זשעדנע אויגנ געקוקט צו דער קיכ. די ערשטע האָט א פלאָמ געטאָנ גרוניע. די אופרעגונג האָט זיכ אינ איר אזוי צעוואָקסנ, אז זי האָט ארויסגעשריענ:

— אָט, מע האָט שוינ געמאכט שאבעס! האלבע טעג ארבעט מענ אונ וואָלקנס שרעקנ מיט רעגנס!

זלאטקינ איז נאָכ ניט געווענ. ער איז נאָרוואָס אָנגעקומענ צו רײַטנ מיט די פערד. באמ ברעג האָט זיכ שוינ גאָר שטארק געטומלט, די קאָמונארנ, וואָס האָבנ די גאנצע צײַט געהאָפט אפ די מאשינעס, האָבנ געבריענט פאר קאָס.

— וואָס הייסט, מע ארבעט האלבע טעג?

— פארוואָס ווייסט מענ ניט, וויפל זיי מאכנ?

— קיינ אוטשאָט פונ דער ארבעט איז ניטאָ.

— שאַ, יאַטע, — האָט זיך ריוואָקין אַרײַנגעמישט, ווען דער אוי־לעם איז שוין געווען גוט צעוואַרעמט, — שרײַט ניט. ס'איז דאָ אַן אוטשאַסט, מע ווייסט וויפֿל יעדער איינער מאַכט. איינע זלאַטקין מאַכט די פֿולע נאָרמע, ווײַטער קיינער ניט. בערקעס מאַשין אַרבעט אינגאַנצן ניט.

— ווער אַליין בריגאַדיר! — האָט בערקע אַ געשריי געטאָן.

— ניין, ניט איך, — האָט ריוואָקין רויִק געענטפֿערט — אַ בריגאַ־דיר וועט מען אויסקלײַבן אַ צווייטן.

— וואָס עפּעס בלויז אַ בריגאַדיר, די גאַנצע בריגאַדע טויג אויף קאַפּאָרעס, אַז זיי פֿילן ניט אויס די נאָרמעס, — האָט איינער אַ געשריי געטאָן.

בײַ די געשרייען איז אָנגעקומען צו רײַטן זלאַטקין — ער איז אָנגעקומען פּונקט, ווען בערקע האָט זיך נאָכאַמאָל צעשריִען, אַז די מאַשינעס ווערן קאַליע, מוז ער זיי פֿאַריכטן, די מעסערס מוז ער שאַרפֿן. דערזעענדיק זלאַטקינען, האָבן זיך עטלעכע מיטאַמאָל צע־שריִען:

— און בײַ אים, בײַ זלאַטקינען, פֿאַרוואָס קאָן ער? — פֿאַרוואָס ווערט בײַ אים ניט צעבראָכן? ווער שאַרפֿט אים די מעסערס? ער אַרבעט דאָך דעם דריטן טאָג אינגאַנצן!

— וואָס איז דער וווּנדער — האָט זלאַטקין אַ זאָג געטאָן — אַז מע אַרבעט ניט! מע זיצט גאַנצע שעהען בײַם רויך און מע אַגיטירט צו אַנטלויפֿן פֿון קאָמונע, קיינער אַרבעט ניט. די גאַנצע בריגאַדע טויג ניט.

— אָט מערזאַוווּצעס!

— סאַבאָטאַזשניקעס!

— אַרויסטרײַבן פֿון קאָמונע!

— איבערגעבן צום געריכט!

דער ברעג האָט זיך צעשטורעמט. די וואָלקנס איבער די קעפּ זײַנען אָנגעקראָכן טונקעלע, בייזע און האָבן נאָכמער צערייצט די געמיטער פֿון די קאָמונאַרן.

ווי פֿון זיך אַליין איז אַ פֿאַרזאַמלונג אויסגעוואַקסן. די קעסלען עסן זײַנען געשטאַנען פֿאַרטיקע און זעלדע איז געשטאַנען און אויפֿגעהאַלטן דאָס פֿײַער. פֿריד האָט ניט געקאָנט אין קיין שום פֿאַל אָוועקזעצן דעם עולם. מע איז געשטאַנען און אויסגעהערט די קאָנטראַטן, וואָס חאַם קעמערל שלאָגט פֿאָר.

— אלס בריגאדיר שלאָגט פאָר דאָס קעמערל זלאַטקינען! ווער איז קעגן — פרעגט פריד.

— ניטאָ קעגן!

— אַלע פאַר!

מע האָט נאָך באַשטימט אַ נײַע בריגאַדע, צווישן די נײַע איז אַרײַן פּיִווּקע און מייער רובין.

אין דער שטיל האָט נאָך געברוייזט, שווער געווען די געמיטער די צעררייצטע צו באַרויִקן.

בערקע האָט זיך פאַרקליבן אין אַ זײַט און געשפּיגן אָפּן אַמוה.

די נאַכט האָט זיך אָנגערוקט אַ טונקעלע און אַ שווערע.

## קאַפּיטל זעקס

די מאַשינעס האָבן געדרוישט לעבעדיקער. די באַנײַטע בריגאַדע בײַ די מאַשינעס איז געווען אַ פּעסטע. נאָך אַ פּאָר טעג אַפּאַרבעטן האָבן זיך שטיקער פון עם אינדזל גאָר פײַן אַרומגעגאָלט און אָפּ העקטאַרן לאַנגע האָבן זיך אויסגעצייגט וואַלן היי... און סטויגן זײַנען אויך געוואַקסן. די וואָלקנדלעך זײַנען צערונען. האָט מען איצט געיאָגט נאָך שטאַרקער. איצט האָבן אויך די מאַשינעס געיאָגט.

— קיין אָפּגעשניטענע וואָלן היי טאָר מען ניט לאָזן ליגן. קוים פאַלט אַרויס אַ רעגן, — זאָגט ריווקין, — ווערט עס צעפּאַטערט. ס'עט אויסקומען די מאַשינעס אָפּצושטעלן אויף אַ טאָג—צוויי, און אַלע אַריבערוואַרפן צום אופקלײַבן.

דערווײַל רוישן די מאַשינעס לעבעדיקער אויפן אינדזל. רובינס שײַנט. זײַן מאַשין גייט גוט.

— אַ מאַשין איז גאָר עפּעס אַנדערש — זאָגט ער צו פּיִווּקען, ווען יענער קאָן זיך ניט קיין אייצע געבן מיטן אָנשטעלן די מעסערס אַזוי, אַז ס'זאָלן ניט בלײַבן קיין האַלבע גראָזן ניט קיין אָפּגעשניטענע.

ער קאָסט זיך, פּיִווּקע, און טרײַבט די פערד נאָך רובינען, וואָס איז שוין העט אַוועק צו די בערג.

— היי! — שרײַט פּיִווּקע — צו די בערג קריך ניט, דאָרט שטייט אַ קיטײַעץ מיט אַ צאַפּ!..

ער קאָן ניט נאָכצייִען נאָך רובינען, פּיִווּקע.

— האָסט שוין געאַרבעט בײַ מאַשינעס? — פֿרעגט ער רובינען.

— געאַרבעט אין אַרגענטינע, בײַ אַנדערע מאַשינעס, נאָר אַז דו קאָנסט איין מאַשין, איז דיר גרינגער בײַ דער צווייטער. — ער לאַכט אים אױס אין די אויגן אַרײַן, רובין, ער לאַכט מיט אַ מינע פֿון אַ זיגער.

— אויב מיר אַ מאַשין! — זאָגט ער, — גיב אַהער אַ מאַשין מיט אַ מאָטאָרל, מיט רעדעלעך, מיט שרײַפֿעלעך, אַ מאַשין מיט אַ מעכאַניזם, אָט דעמלט וועסטו זען!

ער איז שטאַרק צופֿרידן, רובין. עס טוט אים גאָר אַ גרויסע האַנאָע, דאָס זיצן אױף דער שנײַדמאַשין און אָפּליגן די העקטאַרן היי.

— אָט, אַמעריקאַנעץ, — זאָגט פּיאָוקע, וואָס פֿאַרט פֿון הינטן, — בײַ מאַשינעס זײַנען זיי קנאַקערס, היי! — שרײַט ער צו רובינען, — היי! מיינסטו, אַז בײַ אונדז קאָן מען ניט אױף קיין מאַשינעס?

— כ'ווייס, מ'קאָן, אָבער דו קאָנסט נאָך ניט, דו דאַרפֿסט זיך לערנען אױף מאַשינעס, דו מוזט זיך לערנען אױף מאַשינעס אַרבעטן.

— איך קאָן ניט? אין דײַן מאַמעס אַרײַן, אַמעריקאַנעץ... ער גיט אַ טרײַב די פֿערד, די בײַטש צעקנאַלט זיך און ער לויפֿט נאָך רובינען.

— היי! פּיאָוקע! שרײַט זלאַטקין דער בריגאַדיר, — לאָז אַראָפּ די מעסערס, לאָז ניט איבער קיין האַלבע גראָזן!

שטעלט ער אָפּ די מאַשין, פּיאָוקע, קריכט אַראָפּ פֿון זיץ און, אַ דריק טוענדיק אָפּן שאַטן, זאָגט ער צו זיך אַליין:

— אױף מאַשינעס וועל איך זיך אויך אויסלערנען, ווי דער אַמעריקאַנעץ... מיט אַ מאָטאָרל, מיט רעדעלעך, מיט אַ מעכאַניזם — רעדט ער נאָך רובינס רייד, און ער צעקנאַלט די לופֿט מיט דער בײַטש: — וויאָ, לאָשעקעס, וויאָ! זאָגט נאָך דעם אַמעריקאַנעץ, וויאָ!

די שפּיצן פֿון די בערג הילן זיך שוין אַ פּאָר טעג אין גרויע נעפּלען — און אָנזאָג אױף רעגנס. די לופֿט איז שטיקנדיק, שווער און הייס. די גראָזן כאַלעשן און פֿון די לײַבער פֿון די סטויג־שטעלערס רינט עמערווײַז דער שווייס. נאָך אַ באַוווײַז איז דאָ, אַז עס האַלט פֿאַר אַ רעגן — די קאָמאַרעס זײַנען ווילד געוואָרן און מאָקרעץ איז אָנגעקומען — קליינע, פּיטשינקע פֿליגעלעך, קוים מערקבאַרע בײַנעלעך, וואָס קריכן אין די פּילבאַרסטע ערטער פֿון לײַב און ברענען ביז האַרץ־פּאַרקלעמעניש.

פֿון די נײַע, וואָס קומען צו הילף, הערט מען קרעכצן:

— ס'בײַסט !..

די דײַטשן אַרבעטן מיט צעביסענע פּענעמער ווי אין פּאַקן, די אויגן זײַנען זיי רויט און פאַרלאָפֿן.

— שײַסע, פּאַנ דיזן דרעק האָבן זיי האַב איבערהאופּט ניכט אײַנ־פּאַרמירט, — קלאָגט זיך מאַקס, שאַרנדיק דאָס היי אין קאָפּנעס.

— ניכט וואַר — זאָגט שלעזינג.

ער דערציילט, אַז דער בערלינער „געזעהרד־מיטיילונג־בלאַט" האָט אַלץ גענוי באַשריבן, אַפילו דאָס בײַסן פון די קאַמאַראַס אָפּ די ניט שטאַרק באַוווינטע ערטער. ער ווײַזט אים נאָך אויף, מאַקסן, אַז זיי האָבן נאָך צוזאַמען וועגן דעם געלעזן, און ער, מאַקס אַליין, זאָל האָבן געזאָגט, אַז איידער גיין בעטן אַרבעטלאָזן־שטיצע, וועט ער בעסער פאַרטרײַבן די קאַמאַראַס פון בירעבידזשאַן. ער וועט אויס־טריקענען די זומפּן.

— ניכט וואַר — שרײַט מאַקס, מע האָט וועגן דעם ניט אינפאָרמירט.

— וואָס קוואַטשסטו, דער גנאָסע וועגענער האָט דאָך אַלעס גע־זאָגט באַשײַט, — שרײַט שלעזינג.

— ניכט וואַר!

— וואַר!

די געשפּרעכן קומען פאָר אין די פאַרייכער־מינוטן באַם שטעלן די קאָפּנעס. איצט שטעלן שוין קאָפּנעס אַלע, אויסער די סטויגן־שטעלער. די שנײַדמאַשינעס האָבן אויסגעלייגט דעם אינדזל מיט וואַלג היי. איצט אַרבעט מען אָנגעשטרענגט באַם אויפשאַרן און באַם אויפשטעלן אין סטויגן. איצט אַרבעט פּאַרוועקע מיט די געזונטע הענט בײַ די סטויגן, און רובין שטעלט קאָפּנעס מיט גרוניען. זיי אַרבעטן שותּפעס, שמייכלען צו אַן אַנדער און די קאָפּנעס וואַקסן אָן בײַ זיי אומבאַמערקט.

— מיט דיר איז גוט צו אַרבעטן שותּפעס, — זאָגט גרוניע.

— גוט, מיר קאָנען שליסן אַן אָפּמאַך.

— דו ווילסט בײַ מיר אויך געווינען? — פרעגט זי און שמייכלט.

— דו ווילסט דען, אַז איך זאָל בײַ דיר ניט געווינען?

שווײַגן זיי. אַרבעטן נאָך גיכער און זײַנען צופרידן.

איבער דעם גאַנצן גרויסן אינדזל וואַקסן אָן בערגלעך מיט וואונדער־לעכער גיכקײַט און די פערד שטייען ניט אָפּ — שלעפּן זיי צוזאַמען און עס וואַקסן אויס גרויסע סטויגן־בערג.

אַן אַרבעט גייט אַ הייסע, אַ פֿיבערדיקע. מע אַרבעט מיט געיעג און מע קוקט מיט כּשאָר אויף די וואָלקנס, וואָס הילן די בערג ווי אין גרויע לײַלעכער.

די קאָמאַרעס ווילדעווען. די מאָשקאַ ווילדעוועט און עס ווילדע־וועט דער מאָקרעץ.

— אַזוינס איז נאָך גאָרניט געווען, — קלאָגט זיך דער אַלטער ברייטער און דרייט זיך, עפּעס זוכט ער מיט די אויגן און דאָס די־בײַזן־פּאָנעם קרימט זיך בײַ אים ווי בײַ אַ קינד, ווען עס דאַרף עפּעס אָפּטאָן און קאָן ניט.

— וואָס איז, וואָס קרימט איר זיך אַזוי, וואָס טוט אײַך וויי, — פֿרעגט אים גרוניע און קוקט אויף רובינען און שמייכלט.

— אַן אומגליק, — קרעכצט דער אַלטער, — ניטאָ ווּ אַראָפּצו־זעצן זיך. זיי באַפֿאַלן ווי בייזע הינט, ווי נאָר דו פֿאַרלייגסט דעם פּאָסעק אויפֿן האָלץ.

— אַלע אייוורים זײַנען אין גאַנצן פּאַרטריבן, — לאַכט רובין.

— דער אייוועה איז דאָך גאָר אומשולדיק, — קרעכצט דער אַלטער. נאָר באַלד גיט ער צו — ס'איז שוין שטענדיק אַזוי, אַז דער קאָפּ זינדיקט, די הענט זינדיקן, שלאָגט מען אין הינטן אַרײַן... — ער דרייט זיך אַלץ אויף אַלע זײַטן און קריכט סאָפּקאָלסאָפּ אַוועק צום ברעג.

ס'איז שוין אויפֿן אָמור אויך קיין אָרט ניט. אַרויספֿאָרן מיטן שיפֿל אינמיטן וואַסער, דאָרט, ווּ עס 'בלאָזט אַ שטיקל ווינטל, וועט ער דאָך ניט לאָזן, — ווײַזט ער מיטן קאָפּ צו אַ סטויג, ווּ ריווקין אַר־בעט, — ער וועט האָב באַלד מאַכן אַ גוואַלד. דעם פּלאַן, דעם פּלאַן מאַך איך אים קאַליע. און אויף אַ רויך זעצן זיך העלפֿט אויך ניט, זיי בײַסן שוין אין רויך אויכעט.

הײַנט איז מען פֿון דער אַרבעט געגאַנגען אָן געזאַנגען. די שטימונג איז געווען אַ שווערע און האָט געפּרעסט דאָס געמיט, ווי די וואָלקנס — די בערג. הונדערטער קאָפּנעס 'שטייען אויפֿגעשטעלטע און צענדליקער העקטאַרן היי ליגן אָפּגעשניטענע צום אויפֿקלײַבן. און די בערג שטייען אָנגעכמורעטע. דער הימל איז געפּאַנצערט מיט דיקע שווערע וואָלקנס, וואָס ווערן פֿון שאָ צו שאָ געדיכטער און פֿינצטע־רער. ס'איז אומעטיקלעך באַם ברעג. מע עסט וועטשערע שווײַגנדיק. ריווקין גייט אַרום בײַ די פֿערד, וואָס שטעלן די אויערן אָן צו די

בערג, פונוואַנענ ס׳טראָגט זיכ אַ קראַכנ, ווי שווערע שטיינער וואָלטנ זיכ שנעל איבער פעלדזנ געקוילערט.

— באַנאַכט וועט רעגענענ, — זאָגט ריווקינ טרויעריק און פונ זײַנע ווערטער ווערט פינצטערער באַם ברעג.

דער אַמור שפּילט מיט ווײַסע בלעזעלעכ און טונקלט זיכ אינ מוט־נער שײַנ.

באַנאַכט האָט אַ שלאַקסרעגנ אַ קלאַפּ געטאָנ אינ די בײַדלעכ. פונ די קאָמאַרניקעס איז מענ געלאָפנ ווי אונטערגעשאָסענע. מע האָט זיכ געשפּאַרט אינ די בײַדלעכ אַרײַנ. מע האָט געצויגנ די קאָלדרעס אי־בער די קעפּ און מע איז שווער אײַנגעשלאָפנ.

צו דער אַרבעט איז מענ ניט אופגעשטאַנענ, מע האָט אויכ צו דער אַרבעט ניט געוועקט. אופגעשטאַנענ פאַרטאָג זײַנענ בלויז די בריגאַדירנ. זיי זײַנענ אַרומגעגאַנגענ באַם ברעג אונטערנ גוס־רעגנ, די בערג האָבנ זיכ פאַרטראָגנ ערגעצווו אינ ווײַטנ רויענ האָריזאָנט. דער הימל איבערנ אַמור האָט זיכ געשפּרייט אַ געשוואָלענער און אַ טרי־בער. דער אַמור האָט געשטורעמט. ער האָט געבלעזלט מיט ווײַסע שוימ־קעפּלעכ אונטערנ שלאַקסרעגנ.

ס׳האָט געפּלייצט אַפנ אינדזל. דער רעגנ האָט געגאָסנ מיט ווילּ־דער קראַפט. די בריגאַדירנ זײַנענ אומגעגאַנגענ שווײַגנדיקע; טריבע האָבנ זיי זיכ צוגעקוקט צום גוס־רעגנ, וואָס וואַשט די פעלדער אַפנ אינדזל. די פערד זײַנענ געשטאַנענ נאַסע אונטער די רעגנ־בײַטשנ און האָבנ געקוקט מיט אומעטיקע אויגנ.

— אָט, די פערד ווייקנ זיכ, — האָט ריווקינ אַ זאָג געטאָנ, — פונ אַ שאַלאַש האָט מענ גערעדט. זיכ האָט מענ באַזאָרגט, זיכ פאַרהיט מענ פונ רעגנ.

ער האָט אַ קוק געטאָנ אַפ בערקענ, וואָס האָט זיכ אופגעהויבנ אַנ אויסגעשלאָפענער און גענומענ אויסשעפּנ דאָס וואַסער פונ שיפל. ער האָט זיכ געגרייט, בערקע, אַריבערצופאָרנ צום ווײַבל קיינ אַר־לאָוויקע, פאַרברעכנענ די רעגנ־צײַט. ער האָט געשעפּט דאָס וואַסער און געקוקט אַפ די קעפּלעכ, וואָס וואַקסנ אָנ אַפנ אַמור.

ריווקינ האָט אופגעוועקט פרידנ און נאָכ אַ פּאָר מינוט דורכריידנ זיכ האָט זיכ דערהערט אַ געקלאַנג פונ שטאָל, וואָס האָט עפּעס מאָד־נע אומגעריכט אָפּגעקלונגענ איצט, אינ רעגנ־גוס.

די קאָמונאַרנ האָבנ געהויבנ די קעפּ פונ די קאָלדרעס און גע־

בלאָנזשעט מיט פאַרשמורעטע אויגן, מע האָט זיך אײַנגעהערט צום דרויסן, עפּעס האָט אויפגעהערט דער רעגן. נאָר ניין, ס'גיסט. וואָס זשע קלינגט מען? — גיט אַ בליץ אַ פֿראַגע בײַ יעדן איינעם אינעם האַלב־פֿאַרשלאָפֿענעם מויעך.

— ווער קלאַפּט דאָרט?

— וואָס פֿאַר אַ קלאַפּערײַ!

— לאָזט שלאָפֿן, איך אײַער מאַמעס אַרײַן!

— ווער פֿראַוועט דאָרט פֿוילע שטיק!

— ס'רעגנט דאָך!

געשרייען מיט קללות האָבן זיך געריסן פֿון די בײַדלעך. אַלס ענטפֿער האָט זיך דאָס קלינגען פֿאַרשטאַרקט און ריוויקעס קול האָט געקלונגען נאָך הילכיקער.

— אופשטיין! — פֿאַר זיך האָט מען געמאַכט בײַדלעך און פֿאַר די פֿערד אַ שאַלאַש האָט מען פֿאַרגעסן... די פֿערד שטייען אונטערן רעגן און די מאַשינעס זשאַווערן אין דער נעץ. אופגעשטאַנען! אַ שאַלאַש מוז מען שוין מאַכן!

אין די בײַדלעך איז אָפּ אַ רעגע געוואָרן שטיל. דורך די געדאַנקען האָט זיך עפּעס דורכגעמישט און אַלטער געררייד וועגן אַ שאַלאַש פֿאַר די פֿערד. נאָר איצט אין אַזאַ גיסרעגן, און שלאָפֿן ווילט זיך אַזוי שטאַרק.

— ס'רעגנט דאָך! — שרײַט מען אויס פֿון די בײַדלעך.

— נו, טאַקע, ווײַל ס'רעגנט, — ענטפֿערט מען פֿון דרויסן.

— איז וואָס־זשע וועט מען קאָנען אין רעגן?!

— סט'ניט צעגיין!

— און די פֿערד וועלן צעגיין?

— איך אַרבעט ניט אין רעגן! — שרײַט אויס דער אַלטער בריי־טער. — ס'ט שוין געהערט, אין רעגן זאָל מען אַרבעטן, אָפּ אַ פֿאָסטרויקע אַרבעט מען אין רעגן? איך גיי ניט! — ער האָט זיך איבער־געדעקט איבערן קאָפּ און איבערגעדרייט זיך אָפּ דער צווייטער זייט.

אין די בײַדלעך האָט מען זיך אָנגעהויבן באַוועגן.

אַז גיין, זאָלן אַלע גיין.

— וואָס הייסט עפּעס ער גייט ניט?

— ער איז ניט קיין קאָמונאַר? — ס'ניט זײַנע פֿערד?

א מאָדנער קאָס האָט אָנגעכאַפּט דעם אַמעריקאַנער מאַן. ער איז שוין געשטאַנען מיט די שלייקעס אויף די אַקסלען.

— וואָס הייסט, דו גייסט ניט, קאָמונאַר, ס'האָב דײַן ווירטשאַפט, דײַן פאַרמעגן, די פערד!

ער האָט פון אים א ריס געטאָן די קאָלדרע און צעשריִען זיך מיט אַזאַ מין קאָל, אַז פון אַלע בײַדלעך איז מען זיך צונויפגעלאָפן. און מאַן, ווי ער וואָלט איצט געפּאַקט די געלעגנהייט אויסצולאָזן זײַן אָנגעזאַמלטן קאָס, האָט דעם אַלטן א זעץ געטאָן אין די ציין.

האָס בײַדל האָט זיך אָנגעפילט מיט געשרייען. דער אַלטער האָט זיך א וואָרף געטאָן אויף אַמעריקאַנער מיט א ווילד ברומען און זיי האָבן זיך ביידע א וואַלגער געטאָן אינעם נאַסן היי.

— היי, וואָס פאַר א שלאָגן זיך!

— דו, דערלאַנג אים דעם אַלטן!

— אָט אַזוי, גיב אים, דעם אַמעריקאַנעץ!

ס'האָבן זיך א וויקל געטאָן העגט אַרום זייער קנויל. מ'האָט זיי צענומען און זיי זײַנען געבליבן שטיין ווי צוויי צעהיצטע הענער.

— דו, מאַמזער, שלאָגן ווילסטו?

— ס'ט גיין אַרבעטן, ספּעקוליאַנט? !

— געקומען פון אַמעריקע שלאָגן א סאָוועטישן בירגער?

— „שור“ געקומען שלאָגן, גיי אַרבעטן!

— געקומען צום גרייטן, דו!

— דו האָסט עס אַלץ צוגעגרייט, אַלטער, און אַרבעטער ביסטו?

— האָסט א סאך געסטראַדײַעט, אַמעריקאַנעץ, נעמסט זיך אָן פאַר די פערד, פאַר די מענטשן נעם זיך אָן, מאַזער דו.

אין בײַדל האָט געזעצט דער רעגן, ווי מע וואָלט שטיינער גע־וואָרפן. די קאָמונאַרן זײַנען גרייט געווען צו דער אַרבעט. מע האָט זיך אָנגעטאָן אין רעגן-מאַנטלען. ווער ס'האָט ניט געהאַט קיין רעגן־מאַנטל האָט זיך אָנגעטאָן אין טרוסיקעס.

אין בײַדל איז געבליבן דער אַלטער ברייטער מיט א פול מויל קלאָלעס. מאַנען האָט פריִער געוואָרנט, אַז פאַר כאַפּן זיך שלאָגן וועט דאָס כאַווערישע געריכט אים מישפּעטן צוגלײַך מיט ברייטערן פאַר ניט אַרויסגיין צו דער אַרבעט.

דרויסן האָט געפּלייצט דער רעגן. די בערג זײַנען פאַרשוווּגן, די וואָלקנס האָבן זיי פאַרהילט מיט געדיכטע טונקעלע געוועבן. דער

אמור שטורעמט. בערגלעך מיט ווײַסע קעפּלעך וואַקסן אויף און גייען אונטער. קיין פישער־שיפלעך זעט מען נישט. אין אזא וועטער איז ניט גאָר באַקוועם צו שיפן זיך אויפן אמור. בערקע האָט מיט די ווענטלעס אָפּגעשטופּט דאָס שיפל פון ברעג, א ציג געטאָן זיך איבערן אמור און דערפילנדיק א ציטער אונטערן האַרצן, האָט ער דאָס שיפל צוריק צום ברעג צוגעבונדן און איז אוועק העלפן מאַכן דעם שאַלאַש.

מע שפּאַנט מיט די באָרוועסע פיס און מע שלעפּט ביימער, צווײַגן, מע גראָבט גריבער, וואָס פילן זיך גיך אָן מיט וואַסער און די העק האַקן מיט טעמפּע קלעפּ און שפּריצן מיט וואַסער. די אַרבעט גייט שווער, די העק גליטשן זיך פון די הענט אַרויס. דער רעגן שלאָגט איבער די לײַבער און פון די לײַבער זעצט א פּאַרע. מע אײַלט, מע יאָגט. די פערד שטייען מיט אומעטיקע בליקן און ס'רינט פון זיי, ווי מע וואָלט אויף זיי אָן אויפהער געגאָסן עמערס וואַסער.

די רעגן־מאַנטלען זײַנען שוין בא א סך דורכגענעצט געוואָרן, זיי שטערן אין דער אַרבעט, זיי שלעפּן זיך נאָך און זײַנען צוגעפּאַלן צו די לײַבער ווי נאַסע שמאַטעס. וואַרפט מען אַראָפּ די רעגן־מאַנטלען מיטן אָנטאָן און מע בלײַבט קימאַט נאַקעט. איצט באַוועגן זיך די הענט גרינגער. איצט איז גרינגער צו קריכן אויף די אײַנגעזעצטע דרענגער און פאַרלייגן דעם דאַך. רײַט מען אויף די דרענגער און טעמפּע, גיכע קלעפּ הילכן אויף אין רעגנדיקן אַרום.

דער שאַלאַש וואַקסט, מע אַרבעט אָנגעשטרענגט, שווײַגנדיק. גרוניע האָט זיך אײַנגעשפּאַנט אין צוויי ביימער, וואָס זײַנען פאַרלייגט בא איר אונטער די אָרעמס, ווי צוויי האָלאָבליעס, און זי שפּאַנט א באַסע, די הויזן זײַנען צוגעקלעפּט געוואָרן צו אירע פיס און דאָס העמדל אויפן לײַב צייכנט בוילעט די יונגע שטײַפע ברוסט און גלײַכע, שטאַרקע פּלייצע.

אויף א דראָנג, רײַטנדיק, מיט די נאַסע טשוועקעס אין מויל זיצט דער סטאָליער, מייער רובין.

— דערלאַנג! — שרײַט ער פריילעך אַראָפּ צו גרוניען און די פײַכטע בליקן זייערע באַגעגענען זיך אין א שמייכל. ער כאַפּט זיך, אז ווען ער דערזעט גרוניען, קלאַפּן זיך אים גיכער און פריילעכער די טשוועקעס אין די באַלקנס אַרײַן. דערפון ווערט אים נאָך פריילעכער און ער פאַרציט עפּעס א געשמאַק און מונטער לידל. אונטער דער ליד גייט די אַרבעט נאָך גיכער.

ריוקינ מיט פּיִוקעס קוקנ זיכ איבער אונ ווײַזנ אָנ אַפ רוביִנען.

— ער ווערט א נאַש=בראָט דער יאט, — זאָגט פּיִוקע.

ריוקינ ענטפערט ניט. עפּעס האָט ער זיכ פאַרטראַכט, ריוקינ, אונ שטעלט אָנ זײַנע אויגנ אַפ גרוניען, ווי לײַכט זי שלעפּט די ביימער צום שאַלאַש, אַפ רוביִנען, ווי פרייִלעכ ער האַקט די טשוועקעס אינ די באַלקנס.

די לעצטע קלעפּ הילכנ אָפּ אינ רעגנ.

— באַלד, באַלד! — שרײַט פּיִוקע, אַראָפּטאַנצנדיק פונ דאַכ אונ קלאַפּנדיק סאָקאָלנ איבערנ האַלדז.

— באַלד, באַלד וועט איר האָבנ א דירע, פערדעלעכ. וואָס איז — קוקט ער סאָקאָלנ אינ די אויגנ אַרײַנ — וואָס איז, פערד זײַנענ דענ קיינ מענטשנ... — אונ די פערד פאַרבײַסנ די קעפּ, קוקנ, ווי נאַסע, נאַקעטע לײַבער. פאָרענ זיכ אונטערנ גוס־רעגנ, בא די ברעגנ פונ אַמור אונ עס דאַכט זיכ, אַז די פערד פאַרשטייענ די מענטשלעכע אַרבעט אונ זײַנענ דאַנקבאַר פאַרנ שאַלאַש, ווו זיי וועלנ זיכ קאָנענ באַלד א טריקנ טאָנ.

דאָס מאָטאָר־שיפל פונ דער גרענעצ־וואַכ שנײַדט, ווי פריִער, צוויי מאָל אינ טאָג דעם אַמור. אינ גוס־רעגנ לויפט עס דורכ ווי דורכ א נעפּל. עס צעשנײַדט דעם אַמור אַפ צוויי פּאַסנ, וואָס וואַרפנ זיכ דערנאָכ א לאַנגע צײַט צו די ברעגנ. עס לאָזט איבער א הענגענדיקע קלאַפּערײַ אינ דער לופט אונ עס פאַרשווינדט.

שוינ דעם צווייטנ טאָג גיסט דער רעגנ. א סאַכ טײַכלעכ רוישנ שוינ אַפנ אינדזל אונ די העקטאַרנ אָפּגעשניטנ היי ווייקנ זיכ אינ וואַסער. זלאַטקינ גייט אַרום א פאַרווייטיקטער:

— אַזויפיל היי, אַזויפיל אַרבעט!

א סאַכ קאָמונאַרנ האָבנ זיכ פאַרוויקלט אינ די קאָלדרעס, אינ די וואַטענע לײַבלעכ. זיי שלאָפנ זיכ אויס פאַר אַלע ניט=דערשלאָפענע נעכט. ווענ איינער כאַפּט זיכ אוף, שטעלט ער אָנ דעם אויער צום דרויסנ, גיט א זיפצ, אַזאַ מינ נאָסנ, פײַכטנ זיפצ אונ שלאָפט ווידער אײַנ. גרוניע מיט רוביִנענ האָבנ זיכ גאָר אויסגעבעט א שוטפעסנ געלעגער, ליגנ אינ א ווינקל אונ שעפּטשענ.

— ווי ווערט עס זיי גאָרניט נימעס, — דרייט זיכ דער אַלטער ברייטער אונ קאָנ ניט אײַנשלאָפנ, — ראַק מענ סוירעט זיכ.

זיי ענטפערן אפ זײנע רייד מיט א שוטפעס געלעכטערל, א פּאר־שטיקטס.

דאָס מאָטאָר־שיפל שנײדט דעם אמור און פון די בײדלעך פאָלגט מען נאָך דאָס גיכע קלאַפּן פון מאָטאָר. אינדערפרי האָט עס געשניטן דעם אמור אראָפּװאַסער, פאַרנאַכט לויפט עס צוריק צו דער גרענעץ. אין די בײדלעך איז מען שוין אויף. דעם טאָג איז מען אָפּגעשלאָפן. איצט ליגט מען און מע הערט זיך צו צום קלאַפּן פונעם מאָטאָר. דאָס קלאַפּן שטײגט, וואַקסט אָן, פאַלט און פאַרשווינדט.

פאַרנאַכט, אַפן צווייטן טאָג רעגן, ווען בא די בײדלעך האָט זיך דערהערט דער באַקאַנטער רויש פונעם מאָטאָר־שיפל, האָבן זיך די קעפּ בא אַלע גלײַך אויפגעהויבן. דאָס קלאַפּן פון מאָטאָר האָט זיך הײַנט געהערט אַנדעריש ווי יעדעס מאָל. די קלעפּ זײַנען ניט געפאַלן, ניט געלאָשן זיך. זיי האָבן געהאַלטן אין איין וואַקסן און דערנענ־טערט זיך. די פערד האָבן זיך צעהירזשעט.

— זיי פאָרן צום ברעג! — האָט עמעצער א געשריי געטאָן.

— כאַפּ א בליק!

— וואַרט!

— יאָ!

קעפּ האָבן זיך אַרויסגערוקט פון די בײדלעך. דאָס מאָטאָר־שיפל איז שוין געווען נאָענט באַם ברעג.

— צו די פערד! — האָט ריוואָקין א געשריי געטאָן.

די פערד האָבן געריסן די צײַמלעך און שיר דעם שאַלאַש ניט צע־טראָגן.

דאָס שיפל האָט זיך אָפּגעשטעלט באַם ברעג.

— זדראַסטוואָ רעביאַטאַ.

זדראַסטוואָ.

דרײַ מענטשן אין גרינע היטלען, באַפּוצטע מיט רויטע שטערנס, זײַנען אַרויס אַפן ברעג. פון די בײדלעך זײַנען אַלע אַרויסגעקראָכן. דער רעגן האָט אַלץ געגאָסן. די דרײַ מענטשן האָט מען אַרײַנגענומען אין א קרײַז, און אַלעמענס פּנעמער איז געלעגן די זעלבע פראַגע: — „וואָס אַזוינס האָט אײַך אהער געבראַכט אין אַזא רעגן?"

די דרײַטשן זײַנען אויך דאָ געווען. אויך זיי האָבן, צוגלײַך מיט אַלע, צוגעלייגט אַן אויער:

— ווער זײַנען די לויטע, וואָס שפּרעכן זיי?

זיי האָבנ זיכ גוואַלדיק אינטערעסירט מיט די דרײַ מענטשנ. אַז זיי האָבנ דערהערט דאָס וואָרט „געפּעאו“, האָבנ זיי זיכ צוגערוקט גאָר נאָענט צו זיי, באַקוקט זיי פונ קאָפּ ביז די פיס אונ אָפּ יעדנ וואָס האָבנ זיי איבערגעפרעגט: „וואָס זאָגנ זיי?“ „וואָס שפּרעכנ זיי?“ פריד איז געוואָרנ דער דאָלמעטשער.

— זיי פרעגנ, ווי פילנ מיר אויס דעמ פּלאַנ, זיי פרעגנ, צי זײַנענ אַלע אַרומגעכאַפּט מיט סאָצגעוועט, צי זײַנענ בײַ אונדז פאַראַנ אַ סאַכ שלאָגלער אונ וואָס פאַר אַ קולט־אַרבעט מיר פירנ אָפּ אַמור.

— קולט־אַרבײַט? — וווּנדערנ זיכ די דײַטשנ — זאָ!

— יאָ, זיי פרעגנ אָפּ דער וואַנטצײַטונג, די וואַנטצײַטונג ווילנ זיי זענ.

איצט גייענ זיי אַרומ, די דרײַ מענטשנ, באַקוקנ די בײַדלעכ.

— פאַרוואָס זײַנענ די געלעגערס אַזוי נידעריק בײַ דער ערד? — פרעגנ זיי.

זיי באַקוקנ די פערד, די מאַשינעס. זיי פרעגנ, פאַרוואָס זײַנענ די מאַשינעס ניט צוגעדעקט. דער רעגנ שמײַסט. זיי שטעלנ זיכ אָפּ בײַ אַ קעסטל טשוועקעס, וואָס שטייט אונטערנ רעגנ. ריווקינענ, וואָס האָט זיכ פאַר זיי פאָרגעשטעלט אַלס בריגאַדיר, מאַכנ זיי אַ באַמער־קונג, אַז טשוועקעס זשאַווערנ אונטערנ רעגנ. כאַפּט ער גיכ דאָס קעסטל טשוועקעס אונ טראָגט עס אַוועק צו זיכ אינ בײַדל אַרײַנ.

— וואָס זאָגנ זיי? — פרעגנ די דײַטשנ.

— זיי זאָגנ, אַז טשוועקעס איז אַ דעפיציטנע אַרטיקל אונ מע דאַרפ זײַנ באַלעבאַטימ אונ אָפּהיטנ דאָס געזעלשאַפטלעכע אייגנטומ.

די דײַטשנ זײַנענ זייער איבערראַשט פונ די געסט. אַ לאַנגע צײַט הערנ זיכ די געשפּרעכנ אינ זייער בײַדל אונ דער גרויסער כידעש זייערער דערהפונג, וואָס געפּעאו האָט צו טאָנ מיט טשוועקעס... מיט סאָצגעוועט... מיט קולט־אַרבעט... זאָ־זאָ!.. אָט מיט וואָס די געפּעאו פאַרנעמט זיכ גאָר...

— אָכ אונ ווי וואָלט געווענ צו אונדז, ווענ זיי טרעפנ די מאַשינעס מיט די פערד אונטערנ רעגנ, — זאָגט ריווקינ, ווישנדיק די נאַסע טשוועקעס מיט אַ שמאַטע, — אָט בײַ וועמענ מע מעג זיכ לערנענ...

די געסט האָבנ געמאַכט אַנ אײַנדרוק. יעדנ איינעמ ווילט זיכ ריידנ וועגנ די געסט, אַרויסזאָגנ זײַנ מיינונג. דערציילנ, וואָס ער ווייס

וועגנ זיי אונ וועגנ דער געפּעאו. ריווקינ, אַשטייגער, וואָס האָט לאַנג אַרייַנגעטראַכט אינעמ נאַסנ קעסטל טשוועקעס אַרייַנ, האָט זיכ אַ קראַצ געטאָנ אינ קאָפּ אונ פּאַסמאַקעוועט:

— אָט, אַזאַ ביסל פּערעסעלענצעס וועגנ דער אָזעט שיקט אונדז אַרייַנ, וואָלט מענ געקאָנט עפּעס אויפטאָנ!

— מיט זיי קאָנ מענ בויענ אַ קאָמונע, — זאָגט זלאַטקינ:

— אַ קאָמונע? אַ שטאָט אַ גאַנצע קאָנ מענ מיט זיי בויענ!

— אַ גאַנצע וועלט אַ נייע, ברודערקע, ניט נאָר אַ שטאָט!

— אָט האָס זייַנענ יאַטנ, זיי אָפּנאַרנ וועסטו שוינ ניט!

אונ עס גיט זיכ אַ שאָט אַ בינטל מייַסעס וועגנ דער געפּעאו, וועגנ זייערע העלדנטאַטנ, וועגנ דער אויסערגעוויינלעכער וואַכזאַמקייַט זייע־רער. די מייַסעס ציִענ זיכ אַוועק ביז אינ דער טיפער נאַכט אַרייַנ. מיט פאַרקלעפּטע אויגנ, מיט אייַנשלאָפנדיקנ געהער הערט מענ זיכ צו. די פּערעמלעכ פונ די מייַסעס רייַסנ זיכ, מע קניפּט זיי צוריק צונויפ, נאָר סאָפקאָלסאָפ שלאָפט מענ אייַנ. דער רעגנ קלאַפּט, קלאַפּט אָנ די בייַדלעכ.

אינ די בייַדלעכ, אונטערנ רעגנ, באַפאַלנ שלעכטע שטימונגענ. פוי־לע געדאַנקענ קריכנ אינ קאָפּ אַרייַנ ווי גאַסע ווערעמ. פונ אונטער די קאָלדרעס הערנ זיכ ברומערייַענ.

— וואָס וועט מענ ליגנ אונ פוילנ?

— ס'ציט אינ די ביינער, די פייַכטקייַט.

— מיר דרייט שוינ אַ פוס.

— די פּלייצע ברעכט.

— אינ קאָמונע וואָלט מענ עפּעס געטאָנ, אַרבעט פעלט דאָכ ניט.

— ליגט מענ אינ דער בלאָטע אונ מע פוילט.

— מע דאַרפ אַהיימ פאָרנ! — פאַרענדיקט דער אַלטער ברייטער מיט אַ געשריי.

— היי, איר! יִידנ פּערעסעלענצעס! — דערהערט זיכ פּייַווקעס פאַרדומפּענער געשריי פונ אונטער דער וואַטאָווקע אַפיר. — איר מיינט ס'איז גרינג, ס'איז ניט גרינג בויענ בירעבידזשאַנ. שוינ פיר יאָר אַרבעטנ מיר אַזוי, הייַנט איז גאָלד. איר האָט געקערט זייַנ אינ אַכט־אונ־צוואַנציקסטנ יאָר. ס'איז געווענ שווערער, נאָר געקרעכצט האָט מענ ניט.

— ס'זײַנענ אַנדערע מענטשנ געווענ, — קרימט זיכ בערקע, — מיט אַזוינע אַ ייִדנ קענסטו בלויז סײַסנ אפֿנ אמור.

— מיט אַזעלכע ייִדנ? — פֿרעגט איבער פֿריד.

— אָט, מיט אַזוינע אַ ייִדנ אַ, — נעמט ער ארומ מיט די הענט אַלע בײַדלעכ, וואָס שטייענ דאָ אויסגעשטעלט באַמ ברעג.

— פֿונדערסטוועגנ האָבנ די דאָזיקע ייִדנ עפּעס אויפֿגעטאָנ, — זאָגט פֿריד גאַנצ רויִק, — ווענ איר זײַט געווענ אַ קאָמונע פֿונ פּערצנ, האָט איר געהאַט דרײַ קי מיט צוויי פֿערד, קיינ כאַזײַרימ האָט איר ניט געהאַט, קיינ טראַקטערנ האָט איר ניט געהאַט. אונ איצט האָבנ טאַקע די־אָ ייִדנ געשאַפֿנ אַ גרויסע ווירטשאַפֿט אונ זי וועט נאָכ וואַקסנ!

— אורוואַ! אַ גרויסע ווירטשאַפֿט, אָבער וואָס האָט דער קאָמונאַר פֿונ דעמ? וואָס גרעסער ס'ווערט די ווירטשאַפֿט, אַלצ ווײַניקער באַקומט דער קאָמונאַר.

— עמעס.

— טאַקע, יאָ, פֿאַרוואָס?

— דער קאָמונאַר האָט הײַנט אַ קרענק, — האָבנ אימ אייניקע אונטערגעהאַלטנ. באַ בערקענ האָבנ די אייגעלעכ געגלאַנצט.

— פֿריִער האָט מענ גוט אָפּגעגעסנ, פֿריִער האָט מענ געהאַט אַ פּאָר קערבלעכ אינ קעשענע אונ איצט גרייזע די מאַסינעס.

פֿונ אונטער דער קאָלדרע האָט זיכ באַוויזנ ריוועקינ. אַנ אויסזעענ האָט ער געהאַט, ווי ער וואָלט אינ קאַס געווענ, וואָס מע לאָזט אימ ניט שלאָפֿנ. נאָר דאָס האַלט זיכ ניט לאַנג אָפּ זײַנ צורע. לאָזט מענ ניט שלאָפֿנ — האָט ער כיישעק נעמענ אַ וואָרט.

— וואָס דאַרשנט עפּעס רעב בערקע? — פֿרעגט ער, אַראָפּווישנדיק דעמ שלאָף פֿונ פּאָנעמ. — שלעכט דעמ קאָמונאַר הײַנט, האַ? פֿריִער איז געווענ בעסער, וואָס? — יאָ, פֿאַר וועמענ ס'איז פֿריִער געווענ בעסער, פֿאַר וועמענ ס'איז איצט בעסער, — זאָגט ער קוקנדיק בערקענ אינ די אויגנ אַרײַנ. — פֿאַר דיר, בערקע, פֿאַר אַזאַ „מענצל", ווי דו, איז פֿריִער געווענ בעסער... פֿריִער, ווענ ס'איז געווענ אַ געשעפֿטל מיט פּערצנ שותּפֿימ איז דיר געווענ בעסער, האָסט געכאַפּט אַ הונדערטער, האָסטו גענומענ, מע האָט ניט געפֿרעגט צי האָסטו פֿאַרדינט, צי קומט דיר געלט, מע האָט אַפֿילע אינ קיינ בוכ ניט פֿאַרשריבנ. מע האָט געכאַפּט קויפֿנ אַ קו, דעקנ דעמ דאַכ פֿונ דער שטאַל, איז

מענ געפאָרנ אינ טיכאָנקע, דאָרט איז געזעסנ א רייכער פעטער און האָט געגעבנ געלט. „נאָט אײַכ, קינדערלעכ, געלט און בויט בירעבידזשאנ פאַר ייִדנ". הײַנט איז שוינ ניט אזוי. דער פעטער וויל שוינ וויסנ, וואָס האָסטו געטאָנ מיט די טויזנטער און אפ וואָס דאַרפסטו נײַע טויזנטער. הײַנט ביסטו א באַלעבאָס און דאַרפסט היטנ דאָס טשוועקל, ס'זאָל ניט זשאַווערנ. ס'ט דאַרפנ אָפּגעבנ רעכענונג באַמ נעמענ נײַע טשוועקעס. הײַנט איז עפּעס אַנדערש. פריִער האָט מענ אויסגעמאָלקנ די בעהיימע און די מילכ האָט מענ אויסגעטרונקענ. האָסט געוואָלט, האָסטו געמאַכט קעז, האָסט געוואָלט — האָסטו געמאַכט פוטער פונ דער סמעטענע. הײַנט — ניט, הײַנט דאַרפ דער קאָפּ טראַכטנ, וואָס איז בעסער צו מאַכנ, קעז צי פוטער. הײַנט ביסטו פונקט ווי א באַלעבאָס, וואָס בויט זיכ א שטוב און פאַר דער מילכ פונ דער קו דאַרפ ער צאָלנ די אַרבעטער, דאַרפ ער קויפנ טשוועקעס, גלאָז, ער דאַרפ ענדיקנ די שטוב. נו, קענ דענ א באַלעבאָס אײַנפאַלנ צו נעמענ און אויסטרינקענ די מילכ אָדער נעמענ דאָס געלט, וואָס ער האָט אָפּגעלייגט פאַר די מילכ, און קויפנ זיכ א פאָר שטיוועלעכ מיט א סקריפּ און קיינ דאַכ איבערנ קאָפּ ניט האָבנ?.. אָט אזוינע באַלעבאַטימ זײַנט איר פריִער געווענ. איר האָט געזשליאָקעט מילכ, געגאַנגענ מיט א סקריפּ און פונ דאַכ האָט גערונענ גלײַכ אפנ געלעגער, פונ די פענצטער האָט געיאָגט דער ווינט. האָסט געזענ? — ווײַזט ער אימ אפנ קעסטל טשוועקעס, — אז דו וועסט זיכ אַרומבויענ, דעקנ דעמ דאַכ, פאַרקיטעווענ די שויבנ, וועסטו שפּעטער ערשט אויסרעכענענ, וויפל דאַרפ מענ פירנ פאַר דער שטאָט, וויפל קענסטו אויסטרינקענ מילכ און וויפל מוזטו האָבנ פאַר דער ווירטשאַפט. און שפּעטער, אז דו וועסט גוט אַרבעטנ, וועסטו זיכ פאַרדינענ אפ א פאָר שטיוועלעכ מיט א סקריפּ. ניט קיינעמס זאַכ. הײַנט איז קיינ צײַט ניטאָ, הײַנט איז ערעוו יאָנטעוו, מע מוז די שטוב ענדיקנ צומ סאַמע יאָנטעוו.

ער איז געבליבנ זיצנ מיט אנ אויסגעצויגענער מאָרדע, וואָס האָט צו יעדנ איינעמ געטײַטלט: „נו, וואָס וועסטו עפּעס זאָגנ? און וואָס וועסטו עפּעס זאָגנ? און דו? עפּעס פרעגנ? א פראַגע?"

קיינער האָט גאָרניט געזאָגט. קיינער האָט גאָרניט געפרעגט. ס'איז געווענ שטיל. מע איז געלעגנ אפ די געלעגערס און מ'האָט זיכ אײַנ־

געהערט צומ קלאפנ פונ רעגנ אינ ביידל. די שטילקייט האָט איבערגעריסנ בערקע:

— קענ זיינ אז ס'גוט, קענ זיינ אז ס'בעסער, נאָר פאר מיר איז דאָ סוינ ניט קיינ אָרט. איכ קומ פונ היימ — גיט פאָר איכ אוועק. גענוג געוועזנ אינ קאָמונע.

— פאר דיר איז שוינ לאנג דאָ קיינ אָרט ניט, — זאָגט ריווקינ.

— ארבעטנ פאר יענעמ וויל איכ ניט, אז ארבעטנ — איז פאר זיכ.

— עפנ א קרעמל אפנ אמור, — לאכט פיווקע, — ווי אמאָל דיינ טאטע אינ דער היימ.

די קאָמונארנ האָבנ פאר זיכ געשמייכלט. דער רעגנ האָט געקלאפט אָנ ביידל.

דריי טעג האָט געגאָסנ דער רעגנ. אפנ דריטנ טאָג, פארנאכט צו, האָבנ די בערג אופגעהויבנ די קעפּ. די גרויע געוועבנ ארומ די בערג זיינענ העלער געוואָרנ און האָבנ זיכ געשפּאָלטענע ביסלעכווייז גענומענ גליטשנ אראָפּ. דער רעגנ איז קלענער געוואָרנ, דריבנע טראָפּעלעכ האָבנ זיכ איצט דורכגעזייפּט. דער הימל האָט זיכ גענומענ אויסליידיקנ און לייטערנ. דער אמור האָט זיכ גענומענ בארויִקנ, די קעפּלעכ זיינענ געוואָרנ קלענער, קלענער און זיינענ צוביסלעכ פארשוואונדנ פונ דער אויבערפלאכ און א ציטערנדיקע, געפּאלדעוועטע, פארשיידנקאָלירטע דעק האָט זיכ אפנ טייכ צעשפּרייט.

די ביידלעכ האָבנ זיכ גערודערט. די קאָמונארנ זיינענ ארויסגעקראָכנ פונ די ביידלעכ צעקנייטשטע, ווי נאָכ א לאנגנ שלאָפ אינ אָנטועכצ.

דער הימל איז אופגעגאנגענ א העלער. איבער די בערג איז געשטאנענ א רויטער פלעק פונ אנ אָפּגעדעקטער פארגייענדיקער זונ. די בערגנ פונ אמור האָבנ זיכ אופגעכאפּט.

— היי! — האָט זיכ גרוניע צעשריִענ, — ס'לויטערנ זיכ די הימלענ, ס'אנטבלויזנ זיכ די בערג. היי, יאָטנ! נעמט די ווילעס, שארפט די קאָסעס, שפּאנט די פערד! — האָט זי מיט איר הילכיקער שטימ ארייַנגעזונגענ אינ דעמ זיכ לייטערנדיקנ פארנאכט.

אויסגערוטע, מיט נייער קראפט, זיינענ די יונגע געשטאנענ באמ ברעג. מ'האָט געקוקט ווי די ווייסע וואָלקנדלעכ שוועבנ ארומ אפ די בערג, ווי זיי צעגייענ ביסלעכווייז און די בערג באווייזנ זיכ גרינע, לויטערע, אויסגעצוואָגענע.

דאָס, וואָס די בערג זײַנענ לויטער, דאָס איז זײער גוט. דאָס איז א גוטער באַווײַז, אז קײנ רעגנ וועט שוינ מער ניט גײנ. נאָר דער אַמור האָט זיכ אויסגעברייטערט, ער האָט זיכ אָנגעטרונקענ איבער זאַט אונ איז אויפגעגאַנגענ ווי אינ געשווילעכצ. די זײַטנ האָבנ זיכ אויכ גאָר שטאַרק אויסגעברייטערט. די אַלטע קאָמונאַרנ, די, וואָס זײַנענ שוינ א סאַכ מאָל געווענ דאָ, קוקנ אויפנ אַמורס געשווילעכצ מיט קאַנ־טיקער שרעק. עס קומט אויפנ געדאַנק דער אָנזאָג פונ פאַרבײַפאָרנדיקנ פישער, אז דער אַמור וועט זיכ אויסגיסנ נאָכנ רעגנ, אז דער טײַכ סונגאַרי איז שוינ אַרויס פונ די ברעגנ. איז פונ אײנ זײַט פרײט דאָס לײַטערנ אונ פונ דער צווייטער זײַט, שרעקט דעם אַמורס ברייטקײַט.

— ווער ווייסט ווי לאַנג מ'עט נאָכ דאָ קאָנענ אַרבעטנ, — האָט ריווקינ טרויעריקלעכ געזאָגט צו פרידנ, קוקנדיק אויפנ ברייטנ פאַרנעם פונ אַמור אונ אויפ די פיל טײַכלעכ, וואָס האָבנ זיכ אויסגעגאָסנ אויפנ אינדזל גופע. — די יאַטנ מאַכנ שוינ א פּאַניקע. ס'וואָלט ניט שאַטנ צונויפרופנ א פאַרזאַמלונג אונ דורכריידנ זיכ. אינ פאַל, דער אַמור וועט זיכ אויסגיסנ, זאָל מענ קאָנענ וואָס מער היי ראַטעווענ.

— יאָ — איז פריד מסכים — מע דאַרפ צונויפרופנ א פאַרזאַמ־לונג. מע דאַרפ אויכ באַהאַנדלענ דעמ איניענ מאַנ־ברייטער, ס'זאָלנ זיכ מער אַזעלכע מײַסעס ניט איבערכאַזערנ.

— דער מאַטעריאַל איז גרייט?

— אַלצ איז גרייט.

— טאָ רופ צונויפ, — אונ אַלײנ איז ער אַוועק א קוק טאָנ צו די קאָפּנעס, זענ ווי טיפ דער רעגנ האָט זײ דורכגענעצט.

פריד האָט גענומענ צוגרייטנ די מאַטעריאַלנ צומ באַהאַנדלענ.

גרוניע, א צעשטראַלטע, אַנ אויסגעלײַטערטע, ווי די גרינע בערג, וואָס האָבנ זיכ באַפרײַט פונ די שווערע וואָלקנס, האָט פריילעכ גע־זשומעט באַמ ברעג. זי האָט זיכ געקליבנ א ליד פאַרציִענ, נאָר פריד האָט געאײַלט. ער האָט מיט א שטיק אײַזנ געהאַקט אינעמ אויפגעהאַנ־גענעמ אויפ א דראָט שטיק שטאָל, הילכיק געקלונגענ, גערופנ אויפ דער פאַרזאַמלונג.

מע האָט זיכ אויסגעזעצט באַמ ברעג. די נאַכט האָט זיכ אָנגע־גליטשט מיט קילקײַט אונ לויטערער פרישקײַט.

דאָס כאַווערישע געריכט האָט פאַרנומענ דעמ אויבנאָנ. אויפ א קאַסטנ, וואָס איז צוגעדעקט געווענ מיט א רויט קאַפּ־טיכל, האָט מענ

אויסגעלייגט מאטעריאלן פון דער אויספארשונג און דעם באשולדי־קונג־אקט.

שטורקאצן האבן אופגעפלאמט באם ברעג און מיט זייער שײַן האבן זיי ארײַנגעבראכט פײַערלעכקײַט אין דעם ארום.

דער פארזיצער פון געריכט האט אין א געהויבענעם טאן איבערגע־לייענט דעם באשולדיקונג־אקט קעגן די כאוויירים מאַן און ברייטער. מאַן ווערט באשולדיקט אין שלאגן ברייטערן, און ברייטער — אין ניט וועלן ארויסגיין צו דער ארבעט, ווען מע האט געהאַפט פאר היטן פון רעגן די פעחד מיט די מאשינעס.

איינער נאכן אנדערן זײַנען ארויסגערופן געוואָרן די איידעס, וואס האבן זיך אונטערגעשריבן, אז אלץ, וואס זיי וועלן דערציילן, וועט זײַן עמעס. די באשולדיקטע האבן זיך אונטערגעשריבן אויס־צופילן די שטראף, וואס דאס כאווערישע געריכט וועט אף זיי ארופ־לייגן.

צווישן די איידעס איז אויך געווען דער קליינער ברייטער. ער האט זיך ארויסגערוקט פון צווישן די קאמונארן און האט זיך אוועק־געשטעלט לעבן פארזיצער. דער קליינער האט ארומגעטאנצט מיט זײַן בליק איבער אלע פענעמער, וואס זײַנען באלויכטן געווען פון די שטורקאצן.

די קאמונארן האבן געקוועטשט מיט די אקסלען, געהויבן די קעפ: „וואס איז דאס פאר אן איידעס? וואס וועט ער דערציילן, דער קליינער?"

דער קליינער ברייטער איז געשטאנען אין די קורצע הייזלעך, די הענט אין די קעשענעס. דאס קעפל האט ער אופגעהויבן הויך און שטאלץ און איידער מע האט עפעס געפרעגט בא אים האט ער ארויס־געשאסן:

— מײַן טאטע גלייבט ניט אין סאציאליזם! מײַן טאטע בענקט נאך די אלטע צײַטן! ער איז א שלעכטער עלעמענט פאר א קאמונע! ער האט זיך פארהאקט. ער האט געפילט, ווי אלע קאמונארן קוקן אף אים שטארק פארכידעשט און דאס האט אים געשטערט ווײַטער ריידן. אבער ער האט זיך געמאכט הארץ, דער קליינער, פארגעסן אן די קאמונארן און ווידעראמאל ארויסגעשאסן:

— די קאמארעס אין די קאמארניקעס האט ער אנגעלאזט! איך

האב אליינ געזענ... איכ האב אימ נאכגעקוקט... — אונ געבליבנ שטיינ א צעטומלטער פונ די אייגענע ווערטער.

אלע האבנ געריבנ די אויגנ. ס'איז געווענ שטיל באמ ברעג. די שטורקאצנ האבנ געוואָרפנ געלע פלעקנ אפ די פּענעמער. דער קליינער האט צעטומלט געשוויגנ, נאר דער אמור, האט זיכ געדוכט, הילכט אפ, כאזערט איבער דעמ יאטלס ווערטער.

דער אלטער ברייטער האט זיכ א ריס געטאָנ פונ אָרט. הייזעריקע קלאנגענ האבנ זיכ א ריס געטאָנ פונ זײַנ האלדז:

— דו, מאמזער, או...

ער האט געקריצט מיט די ציינ אונ דאס פּאָנעמ האט אימ געפלאמט פאר כושע. ער האט זיכ הײַנט אפנ געריכט אפ אלצדינג געריכט, נאר ניט אפ אזא זאכ. ער האט זיכ פלוצלינג מיט א פויסט א וואָרפ געטאָנ צומ קליינעמ:

— כ'על דיר די ביינער צעברעכנ, מאמזער! כ'על דיר א טויט מאכנ! — האט ער מיט די ציינ געקריצט.

נאר ער האט דערזענ ארומ זיכ די קעפּ פונ די קאָמונארנ אונ זײַנ פויסט איז שלאבעריק געוואָרנ. ער האט בלויז באוויזנ מיט קלעמעניש א ברומ טאָנ אינ זיכ: „א סוינע האבנ זיי מיר אויסגעכאָוועט, אָנגעזאפּט אימ מיט זייער טרייפענער טוירע”.

די קאָמונארנ האבנ ערשט איצט געכאפּט דעמ באטײַט פונעמ יאטלס ווערטער. עס האט זיכ אופגעהויבנ א טומל. דער פּאָרזיצער האט געקלונגענ אינ שטאָל. דער קלאנג האט זיכ געשיט אפ די קעפּ אונ אײַנגעשטילט דעמ אוילעמ.

אפנ אמור האט זיכ אָנגערוקט א פּאסאזשיר־שיפ מיט ליכט אונ געזאנג. ווענ די שיפ איז אָנגעקומענ צו די בײַדלעכ, צו דער פאַרזאמלונג, האט דאס געזאנג אופגעהערט. די פּאסאזשירנ זײַנענ ארויס אפנ דעק אונ מיט נײַגער געקוקט אפ דער מאָדנער פאַרזאמלונג אפנ ברעג פונ אמור. ס'איז געווענ אינ דער מינוט, ווענ דער פּראָקוראָר האט געהאלטנ זײַנ פײַערלעכע באשולדיקונג־רעדע קעגנ דעמ אמעריקאנער קולטור־עלנ ארבעטער, וואָס וויל מיט אזוינע אומקולטורעלע מיטלענ, ווי שלאָגנ, איבערדערציִענ אנ אלטנ, אָפּגעשטאנענעמ, אומקולטורעלנ קאָמונאר, אונ קעגנ ברייטערנ, וואָס באציט זיכ שעדלעכ אונ פאַרברעכעריש צו דער קאָמונע, צו דער סאָציאליסטישער בויונג פונ בי־

רעבירזשאנ, הייסט עס, צו דער בויונג פונעמ סאָציאַליזמ אינ גאַנצנ לאנד.

די פּאסאזשירנ פונ דער שיפ האָבנ אויסגעצויגנ די קעפּ, אָנגעשטעלט די אויערנ, געסטארעט זיכ אויפכאַפּנ יעדעס וואָרט, ווי לאַנג די שיפ האָט זיכ פּאַמעלעכ געגליטשט איבערנ רויִקנ אמור פארביי דער הייסער פארזאמלונג.

## קאפּיטל זיבנ

זיבעציק טויזנט פוד — דאָס איז געווענ דער פּלאנ. ארומ דער דאָזיקער ציפער האָט זיכ איצט אלצדינג געדרייט. דער פּלאנ האָט געמוזט אויסגעפילט ווערנ. איז מענ געגאנגענ אינ וואסער אונ מע האָט ארויסגעשלעפּט דאָס נאסע היי צומ טריקענענ. מיטנ אויספילנ דעמ פּלאנ האָט מענ זיכ געהארפּעט צוויילנ, באזונדערס איצט, ווענ די יעדיִעס וועגנ אָנקומ פונ דער פארפלייצונג זיינענ שוינ ניט געווענ בלויז קלאנגענ, וואָס פארביי־פאָרנדיקע פישער האָבנ פארשפּרייט: אינ די ארומיקע קאָרייִשע יִישוווימ איז שוינ געגאנגענ א גיכע פארהיטונג־ארבעט. א סאכ פונ זיי האָבנ איבערגעטראָגנ די געלעגערס פונ די הויכע הײַזלעכ איבערנ וואסער אפ די בוידעמער.

— עס קאָנ א ליאדע מינוט אזא פּלייצ טאָנ, אז זאָלסט ניט באַוויזנ די הויזנ כאַפּנ! שפּילט זיכ ניט מיטנ אמור, קינדערלעכ! אײַ איז דאָס א וואסערל, אײַ א וואסערל! — האָט געוואָרנט דער אלטער קאָרייער. — איכ בינ דאָ אפנ אמור געבוירנ געוואָרנ, איכ וועל שוינ דאָ אפנ אמור שטארבנ... איכ קאָנ אָט דאָס קלייג־ביסל וואסער... אינ די פאלדנ דערקאָנ איכ, אז ער וועט באלד אָנהייבנ שפּילנ... אינ די קנייטשנ, זע איכ, האלט ער זײַנ קאס פארשטעקט... נעמט קינדערלעכ, פּאקט באצײַטנס די פּעקלעכ אײַנ, שיקט אהיימ, ס'קאָנ דאָס וואסערל א שפּיל טאָנ, קינדערלעכ... אײַ, איז דאָס א וואסערל, אײַ, א וואסערל!..

ווערט אומעטיק באמ ברעג. דאָס שטילע קאָרייִשע גיגנדל יאָגט א פּאכעד אָנ. נאָר אנטקעגנ פּאכעד שטייט א ציפער, א פּלאנ אונ עס דאכט זיכ, אז די ציפער באפאלט דעמ פּאכעד, גייט מיט אימ אוועק אינ א געראנגל אונ שלעפּט מיט זיכ אלע קאָמונארנ...

די קאָסעס שטייענ שוינ פונ לאנג, ווי סאָלדאטנ אפ דער וואכ,

מיט די שאַרפנ אויסגעשטעלט צום אַמור. איצט שטייענ שוינ די שנײַדמאַשינעס אויב. זיי האָבנ אינ די פּאָר שײַנע, זוניקע טעג, וואָס האָבנ זיכ געשטעלט נאָכ די רעגנס, אײַנגעוואָלגערט גענוג היי, האָט מענ אַלע הענט איבערגעוואָרפנ צו די סטויגנ.

— נאָכ אַכט גוטע, זוניקע אַרבעטטעג אונ מיר זײַנענ געראַטע־וועט, — זאָגט פריילעכ ריווקינ, שטייענדיק אינ דער הייכ אויפנ סטויג אונ אַרומנעמענדיק מיט זײַנ בליק אַלע סטויגנ, וואָס וואַקסנ אָנ מיט איבעראַשנדיקער גיכקײַט, אונ ער קוקט דאָכ מיט פּאַכעד אויפנ ברייטנ, אויפגעשוואָלענעמ, אָנוואַקסנדיקנ בויכ פונ אַמור.

בערקע, וואָס שטייט אויב אויפנ סטויג אונ איז אײַנגעשפּאַנט אינ דער אַרבעט אונטער ריווקינס אָנפירונג, קוקט אויפט צום אַמור אונ זעט גאָרניט אויסער דעמ פּאַכעד, וואָס וואַקסט אינ זײַנע אויגנ צוזאַמענ מיטנ וואַסער אויפנ טײַכ. אויסהערנדיק ריווקינס טרוקענעמ כעזשבנ וועגנ טעג, באַפאַלט אימ אַ העלישער קאַס. די באַקנ צוקנ פונ פאַר־דריקטער צײַנקריצעניש.

— דו וועסט אָטוועצײַענ.

געוויס וועל איכ אָטוועטשײַענ, ווער דענ, דו?

— פאַר די מענצנ, פאַר די קאָרבאָנעס, וועסטו אָטוועצײַענ.

— אַ, וואָסערע קאָרבאָנעס. אַ־אָט! — ער פאַלט אויב אַרײַנ אינ קאַס, ריווקינ, נאָר ער באַהערשט זיכ באַלד, פונ אונטנ דערלאַנגט מענ אַרויפ די ווילעס היי צומ פאַרענדיקנ דעמ סטויג. מער ווי זיי ביידע איז אויפנ סטויג קיינער ניטאָ. אונטנ הערט מענ ניט זייערע רייד. ער ציט יעדע ווײַלע אויס די לאַנגע הענט, כאַפּט דאָס היי פונ דער ווילע אַראָפּ אונ קאַסט זיכ ווידער:

— קאָרבאָנעס הערסטו נאָר! — ס׳באַלבעסל האָט זיכ דערשראָקנ. היי! גיב ניט קיינ נאַסע היי! — שרײַט ער אַראָפּ פונ סטויג. — ס׳איז מילכאָמע, אַלציינס ווי אַ מילכאָמע. ס׳האָט נאָכ אַפּילע קיינ שאָס ניט געטאָנ אונ ער האָט שוינ אָנגעמעלאָכעט אינ די הויזנ.

— דו ביסט אַ סיסער — קומענ צומ גרייטנ.

— דיכ פאַרבײַטנ, — ענטפערט ער קורצ אונ האַקט אָפּ.

בערקע פאַרבײַסט אַ ליפּ אונ דאָס פּאָנעמ ציטערט זיכ אָנ פונ קאַס.

אינ די נעכט קאָנ ער שוינ ניט שלאָפנ, בערקע. ער זיצט בײַמ ברעג אונ קוקט אויפנ אַמור, וואָס פליסט שטאַרקער ווי שטענדיק. ער וואַרט אָפּ דער מוואַליע, וואָס דער אַמור וואַרפ אַ שלײַדער טאָנ אויפנ ברעג,

ער זאל שוינ קאנענ כאפנ א שיפל און אנטלויפנ. ער וואלט שוינ פונ לאנג אנטלאפנ, ער וואלט ניט געווארט אפ דער כוואליע, וויל ער אבער אוועק ניט אליינ. ער וויל א שלעפ טאנ מיט זיכ א כאפטע קאמונארנ... זאלנ זיי־וויסנ... זאלנ זיי רודערנ דערנאכדעמ. אנ מענטשנ... און די פארפלייצונג איז א גוטער מאמענט דערצו. זאל נאר ריווקינ טאקע בלייבנ פאראקשנט און ניט אפלאזנ דעמ אוילעמ ביז דאס וואסער וועט אנקומענ...

און אט האט זיכ דער אמור אינ איינעמ א פארטאג טאקע א הייב געטאנ. דער אמור האט דאנ אויסגעזענ, ווי מע זאל אינ אימ באנאכט האבנ אריינגעגאסנ א יאמ וואסער. ער איז ברייט אויסגעוואקסנ און באדעקט זיכ מיט א שטורעמדיקער שוימ. א פאכער האט שוינ איצט אלעמענ ארומגעכאפט. געשרייענ האבנ זיכ דערהערט. נאכ ריווקינס כעזשבנ איז נאכ געבליבנ ארבעט אפ זעקס טעג און טעג זיינענ דאפקע געשטאנענ שיינע, זוניקע. דער הימל איז געווענ לויטער, נאר ווו־ניט־ווו נאכ איבער די בערג האבנ ארומגעשוועבט ווייסע וואלקנדלעכ, וואס האבנ פונ צייט צו צייט אנגענומענ א דראענדיקנ אראנזשעווענ קאליר. געארבעט האט מענ איצט נאכ מער אנגעשטרענגט. מינוטנ בלויז האט מענ אפגערוט באמ פארציענ מאכארקע. מ'האט געשוויגנ און מ'האט געלויערט מיט א וואקסנדיקער שרעק אינ די אויסגעטארטשעטע אויגנ. מ'האט געארבעט פונ גאר פרי ביז טיפער נאכט. איינ פארלאנג איז בא אלעמענ געווענ — ענדיקנ וואס פריער דעמ פארגעבענעמ פלאנ, ארויספירנ די קאמונע פונ געפאר און אוועקפארנ, איידער ס'וועט אנקומענ די פארפלייצונג. אז די פארפלייצונג וועט אנקומענ — אינ דעמ האט שוינ איצט קיינער ניט געצווייפלט. דער פאכער פאר דער נאענטער פארפלייצונג האט זיכ נאכ מער פארשטארקט, ווענ דאס שיפל מיט ברויט האט זיכ אומגעקערט פונ ארלאווקע און כעווערע האבנ אפגעגעבנ א גרוס, אז לאפאטינ, דער אלטער פישער, שלאפט שוינ אויכ אפנ בוידעמ און אז די פישער זיינענ זייער אומרויק, זיי זאגנ, אז די פארפלייצונג קומט גיכ און וועט דאס מאל זיינ זייער א שטארקע. און דאס האט דעמ אלטנ ברייטער אינ א פאניק אריינגעשליידערט:

— מע דארפ אפשיקנ די מענטשנ! אומקומענ וועט מענ דא! קאטארזשניקעס זיינענ מיר!

ער איז א מעטורעפער ארומגעלאפנ איבערנ ברעג און געבראכנ די

הענט. ער האָט געהאַט א ווילדנ אויסזענ אונ דאָס האָט נאָכ מער פאַרשטאַרקט די שרעק.

בערקע איז פונ אלטנ ניט אָפּגעשטאַנענ. ער האָט אויכ געליאַרעמט:

— גענוג געלעגנ אפנ אמור! — מע דאַרפ סוינ אָפּסיקנ די מענצנ! ער וויל קאָרבאָנעס ברענגענ! — האָט ער מיט דער האַנט אָנגעוויזנ אפ ריוווקינענ.

ס'איז געווענ פאַרנאַכט נאָכ א שווערנ אַרבעטטאָג. מע איז געזעסנ בא שיסלעכ עסנ אונ פויל געקײַט. די אויגנ האָבנ געבלאָנדזשעט איבערנ אמור. דער טײַכ האָט בייז געטראָגנ זײַנע צעווילדעוועטע, שטורעמדיקע וואַסערנ. דער טײַכ האָט געשפּײַט מיט ריזיקע שטיקער ווײַסנ שוימ. אָט די ווײַסע שטיקער שוימ דערצייל״נ ניט פונ קיינ טריקעניש, — זאָגט פּײַווקע שטיל צו רובינענ. (זיי זײַנענ לעצטנס געוואָרנ גאָר גוטע ברידער) — דאָס באַווײַזט, אז אַרופּ וואַסער רײַסט דער אמור די ברעגנ.

די ווײַסע שוימ האָט אופגעריסנ בא אלעמענ די מײַלער. ס'האָט זיכ אופגעהויבנ א שרעקלעכער טומל. אלע האָבנ געשריִענ. יעדער איינער האָט געוואָלט אלע איבעריקע איבערשרײַענ. אונ דעמלט האָט זיכ ריוווקינ אופגעשטעלט. ער האָט געקוקט אפ די טומלדיקע אונ געוואַרט. עס האָט זיכ קלאָר געזענ: ריוווקינ וויל עפּעס זאָגנ. דער טומל האָט זיכ ביסלעכווײַז אײַנגעשטילט. ריוווקינ איז געשטאַנענ אונ געדולדיק געוואַרט. באַמ ברעג איז געוואָרנ שטיל. ס'האָט זיכ נאָר געהערט דעמ אמורס רעווענ אונ דאָס אָפּגעהאַקטע, פוילע כראָמטשענ פונ די פערד. ריוווקינ האָט אופגעהויבנ די אויגנ אונ דערזענ, אז אלע קוקנ אפ אימ. ער האָט שטיל א זאָג געטאָנ:

— וואָס איז דער טומל? אכט אונ דרײַסיק סטויגנ שטייענ שוינ אופגעשטעלטע, נאָכ צענ — אונ מיר זײַנענ פאַרטיק מיטנ פּלאַנ... פאַרזיכערט מיט היי אפ א גאַנצ יאָר. בערקע האָט דערפילט, אז מע טאָר אימ איצט ניט לאָזנ ריידנ. מע הערט אימ, ריוווקינענ, אונ ער קאָנ נאָכ טאַקע אײַנריידנ. האָט ער זיכ הויכ צעשריִענ, בערקע:

— קאָרבאָנעס וויל ער ברענגענ! מענצנ פּאַטערנ, נאָכ צענ סטויגנ וויל ער אופסטעלנ, אז מ'קאָנ דאָ איינ נאַכט אויכ ניט זײַנ מער, מע דאַרפ סוינ אָפּסיקנ די מענצנ!

אפ ריוווקינענ איז איצט געווענ אָנגעצויגנ א שטאָלענע רויִקײַט.

— מ'עט קיינעמ ניט אָפּשיקנ, קיינ מענטשנ וועט מענ ניט פאַ־

טערן. צו קיין קאָרבאָנעס וועט מען ניט דערלאָזן! שיפלעך שטייען גרייט. צו יעדער מינוט קאָן מען זיך אַרײַנזעצן אין זיי און מע איז געראַטעוועט. ניטאָ וואָס צו בונטעווען! — ער האָט גערעדט רויִק, קלאָר און איבערצײַגנדיק. נאָר דער אַלטער ברייטער, וואָס די גאַנצע וועלט-שרעק האָט ער איין מאָל אויסגעטרונקען, האָט זיך שיר ניט צעוויינט:

— און אַז ס'וועט זײַן באַנאַכט און אַז מ'וועט פּונקט אין דער שאָ שלאָפן?..

ריווקין האָט אַ שמייכל געטאָן. גרוניעס קעלכל האָט זיך אַ ברעקל געטאָן און צעשאָטן זיך אין אַ הילכיקן געלעכטער. דאָס האָט ברייטערן נאָך מער צערייצט:

— איז זאָל דאָ בלײַבן דער מאַלאַדיאָזש! די סעמיינע זאָל מען אָפּשיקן אַהיים!

פּײַוועקע האָט געשוויגן. ער האָט בלויז קרום אַ קוק געטאָן אַף בערלען, פֿאַרהאַסט אַ שמייכל געטאָן צו אים, אויסגעשפּיגן און אָפּגעקערט זיך פֿון אים.

בערקע האָט אומגעשפּאַנט באַם ברעג און געברענט.

בײַ די דײַטשן אין בײַדל האָט זיך אויך געטומלט, זיי האָבן עפּעס באַהאַנדלט. קאָנטיק געווען, אַז זיי באַהאַנדלען עפּעס אַ געזעלשאַפֿטלעכע פֿראַגע, ווײַל זיי האָבן אַרײַנגעטראָגן פֿאָרשלאָגן, געהויבן די הענט און אָפּגעשטימט. דערנאָך האָבן זיך אופֿגעהויבן צוויי דײַטשן, קאָנטיק אַ דעלעגאַציע. זיי האָבן זיך פֿאָרגעשטעלט פֿאַר ריווקינען און „אין נאָמען פֿון דער רויטער גרופּע" האָבן זיי אים געמאָלדן זייער פֿאַרלאַנג: „זאָפֿאָרט צו פֿאַרלאָזן דעם אַמור און אָפּפֿאָרן אין קאָמונע"...

— גוט, האָט ריווקין מיט אַ שמייכל געענטפֿערט, — מיר וועלן מאַכן אַ זיצונג און מאָרגן פֿרי וועלן מיר געבן אַן ענטפֿער.

ווען אַלע זײַנען אַרײַנגעקראָכן אין די קאָמאַרניקעס אַרײַן האָט זיך דאָס קעמערל אויסגעזעצט אין איינעם פֿון די שיפֿלעך, וואָס זײַנען געשטאַנען צוגעבונדענע צום ברעג, און אָפּגעהאַלטן אַ ערנסטע זיצונג.

דאָס שיפֿל האָט זיך געהוידעט אַפֿן וואַסער און די מענטשן זײַנען געזעסן פֿאַרטראַכט. עפּעס האָבן אַלע געשוויגן. ס'האָט אויסגעזען ווי יעדער איינער זאָל וואַרטן, דער צווייטער זאָל אָנהייבן. פֿריד, וואָס

פירט אַלע זיצונגענ אָפּ אַמור, האָט איצט אָנגענומענ אַ פּול מײל מיט שרעק. קוקט אָפּ אַמור, וואָס לויפט מיט ראַש, קוקט צו די בערג, וואָס שטייענ כמורנע, קוקט אָפּ ריוווקינען, ווי אויף אַ דערלייזער און שווײַגט. ריוווקינ זיצט אויכ פאַרטראַכט. ער איז ניט צופרידנ מיט פרידמס שווײַגנ. נאָר זײַנ בליק שטויסט זיכ אָנ מיט גרוניעס און דאָס צערײַסט די שטילקײַט.

— נו, הייסט עס, איז עס אַזוי, יאָ... די פאַרפּלייצונג רוקט זיכ אונטער און דעמ פּלאַנ מוזנ מיר אויספּילנ. אַזאַ ווינטער, ווי דער פאַ־ראַיאָריקער טאָר זיכ ניט איבערכאַזערנ. פינפ גוטע אַרבעטטעג פונ אַלע מענטשנ, אָדער אַכט אַרבעטטעג פונ אַ העלפט מענטשנ און דער פּלאַנ איז אויסגעפּילט.

— דאַרפ מענ, הייסט עס, אַ טייל אַהיימ שיקנ? — האָט זיכ פריד אַ כאַפּ געטאָנ.

— אומבאַדינגט, — האָט ריוווקינ געענטפערט, — נאָר... מע דאַרפ עס אָפּטאָנ אָרגאַניזירט.

— מע דאַרפ באַהאַנדלענ וועגנ בערקענ, — האָט זיכ זלאַטקינ אַ שטעל געטאָנ און אויסגעגלײַכט דעמ דאַשעק.

— וואָס באַהאַנדלענ? — פרעגט ריוווקינ רויִק.

— ער מאַכט פּאַניק! ער אָרגאַניזירט, מע זאָל אַנטלויפנ!

— לאָז אָפּ, זלאַטקינ — האָט איִמ ריוווקינ איבערגעריסנ, — קיי־נער וועט ניט לויפנ. און וועגנ בערקענ וועלנ מיר באַהאַנדלענ, ווענ מיר וועלנ אַהיימ קומענ. די גאַנצע קאָמונע וועט וועגנ איִמ באַשליסנ.

— אַ פּאַדלע אַזאַ! — האָט זיכ זלאַטקינ געקילט מיט אַ „מאַמע“, וואָס ער האָט אָנגעשיקט אינ דער זײַט פונ בערקעס קאָמאַרניק.

— הייסט עס, אַז די מענטשנ וועלנ מיר ווי עס איז באַזאָרגנ,— האָט ריוווקינ ווײַטער גערעדט, — אינ ערגסטנ פּאַל לאָזט מענ האַק און פּאַק און מע טראָגט זאַכ אָפּ. די מאַשינעס קאָנ מענ אויכ גוט פאַרזיכערנ, אַז מע וועט זיי צובינדנ צו אַ בוימ, אָדער צו אַ סטויג. וועלנ זיי ניט דערטרונקענ ווערנ. און די פערד? פּופּצנ פערד... וועגנ אָט דער „קלייניקײַט“ האָט קיינער ניט געטראַכט... יעדער איינער טראַכט נאָר ווי זײַנ אייגענעמ הינטנ צו ראַטעווענ און אָנ דאָס איבע־ריקע פאַרגעסט מענ.

— מע פאַרגעסט ניט. ס'איז נאָכ ניט געווענ ווענ צו טראַכטנ — האָט זיכ אָנגערופנ פריד, ווי פאַרענטפערנדיק זיכ.

ריווקינ האָט אָפּ אימ א קוק געטאָנ. ריווקינ האָט א טראַכט געטאָנ: „אהא, דו פֿאַרענטפֿערסט זיכ! דו פֿילסט זיכ שולדיק... אוואדע ביסטו שולדיק... דו ביסט דער פֿאָרשטייער פֿונ פּאַרטיי-קעמערל פֿונ דער קאָמונע אונ דו שווייגסט... ווי עפּעס א שווערינקייט שווייגסטו... נאָר... ניט איצט איז די צייט צו טראַכטנ וועגנ דעמ... איצט איז פֿאַראַנ וויכטיקערס, איצט איז פֿאַראַנ א פּלאַנ אויסצופֿילנ. גרוניע רעדט. לאָמיר הערנ, וואָס זאָגט גרוניע...

גרוניע מיינט, אז דאָס קעמערל דאַרפֿ באַשליסנ, ווּעמענ אהיימ צו שיקנ אונ וועמ ס'זאָל בלייבנ. קיינ פּריווילעגיע דאַרפֿנ דאָ ניט זײַנ, ווײַל בלייבנ דאַרפֿנ די שטאַרקסטע, נאָר די שטאַרקסטע.

נאָר ריווקינ דערווידערט.

— ווער ס'וועט אויפֿהייבנ א האַנט, דער וועט בלייבנ אַרבעטנ. יענע וועלנ זײַנ די בעסטע אונ די שטאַרקסטע, וואָס וועלנ פּריווילעק זייערע הענט אויפֿהייבנ אפּ בלייבנ דאָ אַרבעטנ.

ער גיט א קוק אפּנ אויפֿגעשטורעמטנ אמור, אונ גיט א זאָג:

— מע מוז שיקנ א מענטשנ קיינ כאַבאַראָווסק נאָכ א קאַטיער מיט א באַרקאַס. א מענטשנ דאַרפֿ מענ שיקנ שוינ, ווי נאָר ס'ווערט טאָג. ווענ די פֿישערס פֿאָרנ אינ שטאָט אַרײַנ, זאָל עמעצער מיטפֿאָרנ, ער שלאָגט פֿאָר פֿרידנ. איצט מוז מענ האַנדלענ ענערגיש אונ שנעל. מע דאַרפֿ פֿילנ די גרויסע פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס ליגט אפּ אונדז.

דערמיט שליסט ער די זיצונג. ער שטעלט זיכ אופּ אונ גיט א זאָג:

— נו, איז אָנ קווענקלעניש... צו דער אַרבעט...

ווענ די זיצונג האָט זיכ פֿאַרענדיקט, האָבנ זיכ שטערנ גענומענ לעשנ. ריווקינ איז אַראָפּ צומ וואַסער, א קוק געטאָנ אפּנ וואַסערמעסטער. „ס'הייבט זיכ”—האָט ער מיט ווייטעק צו זיכ אליינ א זאָג געטאָנ, אונ אוועק פֿונ ברעג. ער האָט א צי געטאָנ זײַנע הענט אונ א ברומ געטאָנ: „נו, מיילע!” ער האָט אליינ ניט באַמערקט, ווי ער האָט רויק א טראַכט געטאָנ: „פֿאַראַנ דאָ בײַ אונדז א ביסל געזונטע האָרעפּאַשנע הענט... מיט זיי וועלנ מיר בײַקומענ דעמ צעיושעטנ אמור אויכ. — נו מיילע!”

אינ דער מיטיק-שאָ האָט זיכ דער געקלאַנג פֿונ שטאָל צעשאָטנ איבערנ אינדזל. אפּ דער פֿאַרזאַמלונג האָבנ אלע געוואַרט מיט אומגעדולד: פֿרידס פֿלוצלינגער פֿאָרנ אינ שטאָט אַרײַנ איז פֿאַר אלעמענ

געווענ אומדערווארט און געוועקט די נײַגעריקײַט. האָט מענ געײַלט פונ אלע זײַטנ צומ סטויג, פונוואנענ עס האָט זיכ געטראָגנ דער געקלאנג און וווהינ מע האָט געבראכט די קעסלענ עסנ.

באמ עסנ האָט מענ לעבעדיק געשמועסט פונ די סטויגנ, וואָס זײַנענ הײַנט אומבאמערקט אויסגעוואָקסנ, אויכ די קאָפּנע־שטעלערס גרייסנ זיכ הײַנט מיט זייער ארבעט. גרוניע פארקלינגט דעמ אינדזל מיט איר געלעכטער. זי האָט הײַנט רובינענ פארמאטערט. זי לאכט און ער ברוגעזט זיכ, קלוימערשט. אינדערעמעסנ האָט ער א מאָרנע האנאָע פונ איר לויטער געלעכטער.

— צומ טײַוול, אזא קויעכ בא אײַכ, באמ שנײַדנ האָט מיכ פײַווקע פארמאטערט און בא די קאָפּנעס—גרוניע. נאָר כ'וועל דיכ בײַקומענ, גרוניע, זאָגט ער שטילער א ביסל און זיי לאכנ ביידע, קײַענדיק מיט אפּעטיט. זי ווײַזט אימ דערבײַ א פול מויל געזונטע ציינ, וואָס ווײַסלענ זיכ אפנ פאָנ פונ איר טונקל פּאָנעמ.

לאנג זיצנ נאָכנ עסנ און רוענ איז איצט קיינ צײַט ניטאָ. אנטקעגנ די אויגנ לויפט דער אמור און שפּײַט מיט ווײַסע שטיקער שוימ, וואָלקנדלעכ קריכנ ארומ איבער די בערג און די לופט איז פול מיט שטורעמאָנזאָג. האָט זיכ ריווקינ א שטעל געטאָנ און אלע זײַנענ שטיל געוואָרנ און האָבנ אָנגעהאנגענ אפ אימ די בליקנ. ער איז הײַנט גאָר פריילעכ, ריווקינ, און אָט אזוי פריילעכ, שמייכלענדיק, ווי ער וואָלט דערציילנ פונ גאָר פריילעכע נײַעס, הייבט ער אָנ דערפונ, אז דער אמור הייבט זיכ פונ שאָ צו שאָ, נאָכ א פּאָר טעג—און דער אמור וועט דורכרײַסנ די ברעגנ פונעמ אינדזל. פרידנ האָט מענ אוועקגעשיקט נאָכ א רעטונג־קאטיער פאר די פערד מיט די מאשינעס: די מענטשנ וועלנ זיכ אריבערשיפלענ איבערנ אמור און וועלנ זיכ אהיימ לאָזנ צופוס. — ער רעדט לעבעדיק, ווי ער וואָלט איבערגעלייענט א פּראָגראמ פונ עפּעס א פײַערונג.—לאנג בלײַבנ דאָ קאָנענ מיר ניט—זאָגט ער,—די פישערס וואָרענענ און מיר מוזנ זיכ צו זייערע רייד צוהערנ. זיי זײַנענ דאָ שטענדיקע אײַנגעוווינער, זיי ווייסנ שוינ פונ פארפלייצונגענ, זיי זאָגנ, אז פונ בלאגאָוועשטשענסק איז ארויס דער ערשטער וואל וואסער, אינ צוויי טעג ארומ וועט ער זײַנ בא אונדז. נאָכדעמ וועט קומענ א צווייטער וואל, וואָס וועט דעמ גאנצנ אינדזל פארגיסנ, נאָר דאנ וועלנ מיר שוינ דאָ ניט זײַנ. מיר וועלנ אונדזער ארבעט פריִער ענדיקנ. פאר דער פארפלייצונג האָבנ מיר

ניט קיין מוירע. אונדזער פלאַן וועט זײַן אויסגעפילט. די סטויגן וועט דאָס וואַסער ניט שאַטן. זיי שטייען אָפּ הויכע ערטער. — ער רעדט איצט גיך, ס'איז יעדע רעגע אַ שאָד. אַלע קוקן אים אָן און ער זעט, ווי עס וואַקסט אָן דער צוטרוי צו זײַנע רייד. בלויז איין בערקע ברומט עפּעס מיט קאָס דעם אַלטן ברייטערן און פּאַרוואַקסענעם פּאָנעם אַרײַן. ריוווקין ווייס אָפּ אויסוויייניק, וואָס בערקע קאָן וועגן אים זאָגן:

— אַ סיסער אַ גאַנצער, אויסגעוואַקסן אין בירעבידזשאַן! וואָס איז ער געווען אין דער היים? אַ גאָרניסט...

פאַרהאַלט ער זיך ניט אָפּ בערקעס שושקערײַ און רעדט ווײַטער.

— האָט האָס קעמערל באַשלאָסן אַהיים צו שיקן די מענטשן, וואָס פילן זיך שוואַך באַם איצטיקן מאָמענט און האָבן מוירע צו בלײַבן אָפּן אינדזל, ווען ס'שטייט פאַר אַ געפאַר. מיר דאַרפן נאָך אַרבעטן, נאָר מיר צווינגען ניט קיינעם. יעדער איינער איז אַ קאָמו־נאַר און יעדן איינעם דאַרף זײַן ליב זײַן ווירטשאַפט, יעדן איינעם דאַרף זײַן ליב זײַן נײַע היים, וואָס ער בויט זיך אין טײַגע מיט זײַן שווייס, מיט זײַן ערלעכער מי... דעריבער ווילן מיר שטעלן צום אָפּ־שטימען, ווער איז פאַר בלײַבן אָפּן אמור, ביז מיר ווילן ענדיקן די אַרבעט? !.. ווער איז קעגן?.. דאָס הייסט, ווער וויל שוין אַוועקפאָרן?..

ס'האָבן זיך אויפגעהויבן צוויי הענט. וואָס האָבן זיך גיך־גיך פאַר־שעמט צוריק אַראָפּגעלאָזט.

— נו? — פרעגט ריוווקין, — מער וויל קיינער ניט אַהיים פאָרן? צוויי אינגאַנצן, מאַקס און ברייטער?

— הינטערן סטויג שושקעט מען זיך און אָפּ אַ סאָבראַניע דער־שרעקט מען זיך! — צעפּלאַמט זיך דער אַלטער ברייטער.

די דײַטשן האָבן זיך צעקריגט, זייער גרופּע איז צעפאַלן געוואָרן. איין מאַקס האָט אויפגעהויבן אַ האַנט, שיסט ער אָפּ די גענאָסן:

— ששסע, דומקעפּ, וואָס האָט איר געסטערן און הויטע מאָרגן געשפּראָכן? !

— בערקע האָט זיך אויך ניט איבעריק גוט געפילט, ער האָט גע־מיינט, אַז זײַן האַנט וועט זיך אויפהייבן די דרײַסיקסטע, אָבער זײַן אַ דריטער, האָט אים איצט קיין מוט ניט געסטײַעט.

פון דער פאַרזאַמלונג גייט מען מיט געפילדער, מע שרײַט, מע קריגט זיך און מע לאַכט. רובין גייט אַרומגענומען מיט גרוניען. די ווילעס האָבן זיי פאַרלייגט אָפּ די אַקסלען. ער שעפּטשעט איר שטיל

איג אויער אריין, אז א שטיבל וועלן זיי זיך אויסבויען א וואַרעמס. ליכטיק וועט האַרט זיין, די ראַדיאָ וועט שפּילן און ברייוולעך וועלן זיי שרייבן שוטפעסע צו די פּריינט קיין אמעריקע.

גרוניע לאַכט, זי צעשיט איבערן איבערנ אינדזל איר קלינגענדיקן זילבער.

— דרייסיק שטיק ביז נאַכט, רובין! — שרייט זי אויס, קוקנדיק צו אים מיט די שמייכלענדיקע, גרינלעכע אויגן, וואָס אָט צעשיסן זיי זיך אין א שטורמישן געלעכטער, זאָל ער נאָר פּרווון זאָגן „ניין". נאָר רובין באַשטייט: גוט! — שרייט ער — קום, גרוניע, מיר גייען אין געוועט.

אין געוועט גייען אַלע. עס אַרבעט זיך איצט מיט נאָך מער ברען, איצט ווענדט זיך דאָס פּריע אָפּפאָרן אָן די אייגענע הענט. איצט האָבן זיך אַלע פאַרמאָסטן: ענדיקן אײדער דער אינדזל ווערט פאַר־ גאָסן.

קליינע טײַכלעך האָבן גענומען אויסוואַקסן אונטער די פיס. פאַר־ טאָג איז דאָס וואַסער געוועזן נאָר ביז די קנעכלעך און פאַרנאַכט — אריבער די קני. די טאָלן אָפן אינדזל פּילן זיך אָן. דאָס וואַסער שלאָגט ארופ ווי פון א סאַך אונטערערדישע קוואַלן, פּלוצלינג וואַקסן זיי אָן, די טײַכלעך, און אַלע ווונדערן זיך: „פונוואַנען נעמען זיי זיך אזוי פיל? וויַארום גיסן זיי זיך אָן?

גייענדיק צוריק פאַרנאַכט פון דער אַרבעט און אָנשטויסנדיק זיך אף אזוינע, נאַרוואָס אָנגעגאָסענע טײַכלעך, ווײַזט רובין ארויס זײַן קענטעניש פאַר פּײַוועקען, וואָס גייט נאָענט פון אים. ער דערציילט אים פונוואַנען און וויַאזוי וואַקסן דאָס אויס די טײַכלעך.

— ביסט א געלערנטער יאַט, — זאָגט פּײַוועקע, — וואָלסט געקאָנט זײַן אן אגראָנאָם.

— א סטאָליער דאַרף אויך זײַן געלערנט. אז דו ביסט געלערנט איז דיר גרינגער בא אַלע אַרבעטן.

— מיר איז אזוי אויך ניט שווער.

— און געלערנט בא א מאַשין וועט דיר זײַן נאָך גרינגער, — שמייכלט ער צו אים זײַטיק — צו וואָס מיינסטו איז די טעכניק מיט דער מעכאַניזאַציע. האָסט דאָך שוין געזען וויפל העקטאַרס „שנײַדט" א מאַשין און וויפל א מענטש. דו ביסט א יונגער יאַט, פּײַוועקע, וואָלסט געדאַרפט לערנען, וואָלסטו ארויסגעוואָקסן א לײַט, וואָלסט נאָך גע־ קאָנט ווערן אן אגראָנאָם, א טעכניק, אָדער א אינזשעניער, א גע־

לערנטער וואָלסטו געקאָנט ווערן, פּיווקע.

— דאָס ווייס איך אָן דיר. ס'קאָן טאַקע זײַן, אַז איך וועל גיין לערנען.

זיי גייען מיט די ווילעס אַפּ די אַקסלען. זיי שפּרײַזן ביזן האַלבן קערפּער אין וואַסער. איצט איז שווער צו דערקענען ווער פון זיי טראָגט דעם נאָמען „אַמעריקאַנעץ" און פּיווקע אַליין באַנוצט שוין אויך גאַנץ קנאַפּ דעם נאָמען פאַר רובינען. זיי שיידן זיך אונטער בלויז אין די רייד! רובין האָט ליב געבן גוטע אייצעס און פּיווקע ענטפערט מיט אַ שמייכל, אַז דאָס ווייס ער אָן אים אויך.

זיי גייען אַלע מאָל טיפער אין וואַסער. אייניקע ערטער מוזן זיי איינגאַנצן אויסמײַדן, ווײַל ס'איז אומעגלעך דורכצוקריכן.

— דו ווייסט, — זאָגט פּיווקע, — מע מוז זיך שוין אָפּטראָגן. דער אַמור האָט זיך שוין צעקאַטשעט.

— ווײַזט אויס, — ענטפערט רובין און פאַרקרימט זיך, דערפילנדיק וואַסער באַם בויך.

זיי האָבן זיך פאַרעדט, אָנגעלייגט אַ סאַך וועג און געקומען די לעצטע צו די בײַדלעך.

באַם ברעג האָט זיך געטומלט. צו זייער איבעראַשונג האָבן זיי דערהערט, אַז אַ העלפט פון דער גרופּע שיקט מען אָפּ און טאַקע שוין, באַנאַכט.

— ניטאָ וואָס צו נעכטיקן, שרײַט ריווקין. — דער וועג איז אַ גלײַ־כער און איז נאָך איצט טרוקן, — טרײַבט ער אונטער, — די נאַכט איז אַ ליכטיקע, מיטן טאָג צוגלײַך וועט איר זײַן אין קאָמונע, אַר־בעט איז דאָרט פאַראַן גענוג.

— וואָס איז געשען? — פרעגט רובין, — וואָס עפּעס אַזוי פּלוצ־לינג?

ווײַזט זיך אַרויס, אַז דאָס מאָטאָר־שיפל איז ווידער פאַרפאָרן צום ברעג. ס'איז געבליבן אַפּ אַ ווײַלע שטיין און, אָפּשטייענדיק באַם ברעג אַ פּאָר מינוט, איז עס צוריק, גיך אַוועק צו דער גרענעץ.

קיינער האָט ניט געפרעגט, וואָס האָבן זיי געזאָגט, וואָס האָבן זיי געפרעגט. ס'האָט קיינער אַפילו ניט געפרוווט טרעפן, ווײַל ס'איז יעדן איינעם געווען קלאָר און פאַרשטענדלעך. מע האָט אויך איצט קיין פאַרזאַמלונג ניט געמאַכט, מע האָט איצט קיין הענט ניט גע־הויבן און וועמען ריווקין האָט געהייסן, דער האָט געפּאַקט דאָס פּעקל.

גרוניע האָט באַגעגנט רובינענ מיט א פֿאַרלוירענער מינע:

— לײדער מוז מענ זיכ צעשײדנ, איצט, אינ אזא שווערנ מאָמענט, — האָט זי זיכ א כײנדל געטאָנ. — ריווקינ שיקט מיכ אָפּ אַהײמ, ער וויל אונדז צעשײדנ...

— פֿאָר, פֿאָר, גרוניע, אינ א פּאָר טעג אַרומ וועלנ מיר זיכ זענ אינ קאָמונע, וואַרט אָפּ מיר בא די טויערנ פֿונ דער שטאָט...

זײ זײנענ געשטאַנענ באַמ ברעג, געהאַלטנ זיכ בא די הענט, גע־קוקט זיכ אינ די פֿרײַע, ברוינע, צעשמײכלטע פּנימער, אינ ווענ מע האָט פֿונ שיפֿל א רופֿ געטאָנ — גרוניע, דו פֿאָרסט! — האָבנ זײ זיכ צעקושט פֿאַר אַלעמענ אינ די אויגנ, פּראָסט, פּאָשעט אונ געזונט.

די שיפֿלעכ האָבנ זיכ געהוידעט אַפֿנ אַמור. די געבליבענע באַמ ברעג זײנענ געשטאַנענ אונ נאָכגעקוקט, ווי דער אַמור טראָגט זיכ מיט קראַפֿט, ווי מע וואָלט אימ ערגעצ אופֿגעהויבנ, איבערגעקערט אונ אויסגעגאָסנ. כוואַליעס יאָגנ אונ פֿאַרטראָגנ די שיפֿלעכ.

— גוט, וואָס בא די וועסלעס זיצנ געזונטע יאַטנ.

— אָבער ס'פֿאַרטראָגט זײ פֿאָרט.

— קײנ אָרלאָווקע וועלנ זײ פֿאַפּאַדיענ.

— ס'קאָנ זײ פֿאַרטראָגנ קײנ כאַבאַראָווסק.

— איז וואָס איז דער אומגליק, וועלנ זײ אַהײמ פֿאָרנ מיט דער באַנ.

— נײנ, ס'וועט זײ ווײַט ניט פֿאַרטראָגנ, — זאָגט ריווקינ, — גוט וואָס זײ שנײַדנ אַרופֿ־שטראָמ, וועט עס זײ ווײַט ניט פֿאַרטראָגנ.

די שיפֿלעכ זײנענ פֿאַרשווּנדנ פֿונ די אויגנ. די ברעגנ האָבנ זיכ פֿאַרצויגנ מיט גרויע געוועבנ. דער הימל האָט זיכ געכמורעט.

— ס'זאָל כאָטש ניט רעגענענ! — זאָגט ריווקינ, שטיל ווי צו זיכ אַלײנ אונ אַלצ פֿאַרגײט אינ שטילנ שווײַגנ.

ריווקינ איז באַנאַכט ניט געשלאָפֿנ. ער איז געזעסנ אונ געקוקט צו די ברעג, וואָס הילנ זיכ אינ גרויענ, צומ אַמור, וואָס הײבט זײַנע וואַסערנ מיט ווילדער גיכקײַט. אײנ ברעג פֿונ אינדזל איז שוינ דורכגעריסנ אונ דאָס וואַסער האָט זיכ ברײט צעגאָסנ אונ פֿאַרשלונ־גענ א שטיק פֿעלד. דאָס איז געשענ מאַמעש פֿאַר ריווקינס אויגנ.

„גוט, וואָס ניט אינ דער צווײטער זײַט", — טראַכט ער, — דאָרט דאַרפֿ מענ נאָכ מאָרגנ גײנ אַרבעטנ, דאָרט שטײענ נאָכ קאָפּנעס אופֿ־געשטעלטע, דאָרט דאַרפֿ מענ נאָכ סטויגנ שטעלנ.

רובינענ האָט זיכ אויכ ניט געשלאָפנ. ער איז אויכ אוועק צומ ברעג. דערזענ דאָרטנ ריווקינענ, איז ער צו אימ צוגעגאַנגענ.

— ס'הייבט זיכ? — פרעגט רובינ.

— דורכגעריסנ דעמ ברעג.

— וואָס? ! ווו?

— אָט, לינקס.

— נו! ?

— גאָרניט.

— אַרבעטנ וועט מענ נאָכ קאָנענ?

— אַרבעטנ איז שוינ איצט אַ קלייניקייט. וועט זיינ מיט דריי טויזנט פוד היי ווייניקער, און עפשער וועט מענ זיי נאָכ קאָנענ מאָרגנ פרי אופשטעלנ. נאָר מיכ באַאומרויִקט, וואָס פריד איז נאָכ ניטאָ, די פופצנ פערד שרעקנ מיכ און דאָס וואַסער גייט מיט געיעג. מע מוז וואָס פריִער אוועק פונדאַנענ, ס'קאָנ זיכ ענדיקנ שלעכט. געפעאו האָט געזאָגט...

ער בלאָנדזשעט מיט די אויגנ איבערנ אַמור, איבערנ אינדזל, וואָס גלאַנצט אופ מיט מאַטער וואַסער-שיינ דאָ און דאָרט און ער לאָזט זיכ גיינ צו די פערד. די פערד שטייענ מיט אָנגעשטעלטע אויערנ. זיי זיינענ איצט אינ דער נאַכט זייער פילבאַר, זיי הייבנ די קעפ בײַ יעדנ שאָרכ און קוקנ שטומ. סאָקאָל פאָלגט נאָכ יעדנ קער, וואָס ריווקינ טוט און אז ער קומט צו צו אימ, בלאָזט ער אָפ אימ מיט זיינע פילבאַרע נאָזלעכער און ער קוקט אָפ אימ מיט מאַטע, שטומע אויגנ.

פערד דערפילנ אַ געפאַר, מעג זי זיינ מיילנ וויַיט, — זאָגט ריווקינ צו רובינענ, וואָס גייט אימ נאָכ אַ פלאַטערנדיקער. עפעס פילט ער זייער ניט קיינ אָנגענעמס אינ ריווקינס שווייגנ און אינ זיינ שווערער שטימונג, וואָס ער באַמערקט איצט אינ ריווקינענ צומ ערשטנ מאָל.

— יאָ, פערד דערפילנ אַ נאָענטע געפאַר, — גיט ער צו צו ריווקינס רייד, — האַלטסטו טאַקע, אַז די געפאַר איז אַזוי נאָענט?

— פאַר די פערד איז אַ געפאַר, יאָ. אָפ שיפלעכ קאָנ מענ זיי ניט ראַטעווענ. אויב דער צווייטער וואַל זאָל אָנקומענ, איידער ס'קומט אַ קאַטיער, זיינענ די פערד פאַרלאָרנ און, דאַנ... ער האָט ניט פאַרענדיקט די רייד און נאָכ שווערער געמאַכט די שטימונג אַרומ זיכ.

זיי האָבנ זיכ אַראָפגעזעצט באַמ ברעג און האָבנ זיכ צוגעקוקט

צום לויפן פון וואסער: כוואליעס האבן געיאגט איינע די אנדערע אנגעוואלגערט זיך איינע אף די אנדערע, אופגעשטעלט ריזיקע וואַ־סער־בערג, געגראבן גריבער און טהאמען, צעשפארט די זײַטן פונעם ברייטן שטורעמדיקן אמור.

אין די קאמאנדיקעס שלאפט מען הײַנט. דער ווינט, וואס בלאזט פונעם צעכוואליעטן אמור, האט די קאמאנדעס פון ברעג פארטריבן. טראגט זיך א כראפען באם ברעג פון געזונטע, אנגעהארעוועטע מענטשן.

— וואס עפעס שלאפסטו ניט? — גיט ריווקין פלוצלינג א פרעג, ניט קוקנדיק אף רובינען.

— ווײַל עס שלאפט זיך ניט, — ענטפערט ער נאך א פארטראכ־טער, איבערראשטער ווײַלע. עס וווּנדערט אים און עס פארדריסט אים ריווקינס פראגע, וואס קלינגט זייער הארט, גראב און באזונדערס איצט, באם ברעג פונעם צעכוואליעטן אמור. „וואס עפעס שלאפסטו־ניט", גיט אים נאכאמאל א קלונג אין די אויערן ריווקינס פראגע.

„וואס בין איך א פרעמדער?" — טראכט ער מיט פארדרוס — „צי טראכטן זיי נאך אלץ, אז די אמעריקאנצעס עסן אומזיסט ברויט? און דאס איז דאך שוין דער בעסטער, ריווקין!" ער האט זיך געפילט שטארק צעווייטעקט. ווען ער האט איצט נעבן זיך גרוניען, וואלט ער פאר איר דאס הארץ אויסגעגאסן. מיט איר איז אים גוט. לעבן איר ווערט ער גאר אן אנדערער. זי איז א פאשעטע, א הארציקע.

— גרוניע איז אהיים געפארן? — הערט ער ריווקינס א פאר־טראכטע פראגע.

— דו האסט דאך זי אליין אפגעשיקט.

— א, יא... כ'האב פארגעסן.

פון ריווקינס פראגע ווערט רובין צעטומלט. ער קוקט אף אים מיט אן אומקלארן פארדראכט. עפעס דערקאנט ער אים איצט ניט. ניט דער אייגענער, וואס נעכטן. וואס איז דער מער מיט אים? וואס האט אף אים אזא שלעכטע שטימונג אנגעטריבן?

— יא, איך האב זי אהיים געשיקט, — זאגט ריווקין נאך א ווײַלע טראכטן. — וואס האבן שוין איצט פרויען צו טאן אפן אמור, באטש גרוניע איז א יאטעכע, א געזונטע.

רובין קוקט אף אים זײַטיק און עפעס פארשטייט ער אים ניט, צו וואס רעדט ער דאס? ער דערפילט זיך מיטאמאל ניט גאר גוט

לעבן ריווקינען. לאָזט ער אים זיצן באַם בריעג און קריכט אַרײַן אין קאַמאַרניק.

ריווקין קוקט אים נאָך מיט דורכדרינגלעכע בליקן און קאָן זיך ניט באַפרײַען פון די געדאַנקען, וואָס קריכן אים אין קאָפּ אַרײַן וועגן רובינען. „צי האָט ער, דער אַמעריקאַנער באָכער, ניט באַוויזן זײַן גאַנצע העלדישקײַט בלויז צוליב גרוניען? — טראַכט ער, ריווקין, — צי איז ער ניט געוואָרן אַ שלאָגלער, ווײַל געמיינט האָט ער גרוניען דערמיט נעמען? צי האָט ער זיך ניט פאַרמאָסטן מיטן שטאַרקסטן, ווײַל איר, גרוניען, איז עס געפעלן?" — נאָר ריווקין קאָן ניט פאַרגעסן רובינס אַרבעט. די אַרבעט לייקנט אָפּ זײַנע שלעכטע געדאַנקען וועגן רובינען: „ער האָט דאָך געשלאָסן מיט פּײַוועקען דעם אָפּמאַך נאָך איידער ער האָט גרוניען באַמערקט. און צום היי־שניט האָט ער זיך דאָך געמאָלדן אַליין, פרײַוויליק, ער דערמאָנט זיך אָן רובינס אויסזען, ווען ער איז באַלד אין די ערשטע טעג צוריק געקומען פונעם אינדזל, מיט אָן אויסגעשמיסן פּנים, מיט פאַרלאָפענע אויגן. ניין, רובין האָט דערוויזן, אַז קיין שלעכטס טאָר מען וועגן אים ניט טראַכטן. נאָר וועגן גרוניען טראָגט ער אַ פאַרדריסלעכן געפיל אין האַרצן. גרוניע איז דאָך אַ יאַטעכע אַ געזונטע".

דער שניט פון אירע גרינלעכע אויגן האָט שטענדיק אַרויסגערופן בא אים אַזאַ מין זיסן צאַפּל, נאָר ער האָט קיין צײַט ניט געהאַט דעם זיסן צאַפּל צו צערטלען און כאַוועןי. פילט ער איצט אַ פאַר־דריסלעך וויי־טעקל אָפּ דעם אייגענעם אָרט, וווּ פריִער פלעגט ער דערפילן אַזאַ מין זיסן צאַפּל.

איצט איז שוין שפּעט...

ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן און דערפילט אָפּן קאַרק דעם וואַרעמען אָטעם פון פערדישע נאָזלעכער.

— סאָקאָל! — האָט ער פרײלעך אויסגעשריִען און האָט זיך אויפגעשטעלט, אַרומגענומען סאָקאָלס ברייטן שטאַלטנעם האַלדז. ער האָט אים געקלאַפּט אין די זײַטן, געפּאַטשט אים אין דער מאָרדע אַרײַן. סאָקאָל האָט געפינטלט מיט די אויגן און אויסגעצויגן די מאָרדע. ער האָט דערפילט אַ וואַרעמקײַט אין ריווקינס האַנט און צופרידן געווען פון דער באַגעגעניש. זיי זײַנען נאָענטע מענטשן — ער מיטן פערד. זיי קאָנען זיך זייער גוט. ער איז דאָס ערשטע פערד אין דער קאָמונע. ער האָט שוין זייער אַ סאַך קויכעס דער קאָמונע

אפגעגעבן. ער איז א שלאַגלער, סאָקאָל. ער איז ווערט פרעמירט צו ווערן... איצט איז ער אומעטיק, עס שלאָגט מיט פארנעפלטער טונקלקייט פון זײַנע אויגן. די אויערן זײַנען אים אָנגעשפּיצט און די פּילבארע נאָזלעכער צאפּלען=צאפּלען.

פארטאָג איז דער אמור געוואָרן רויִקער. דער גרויער נעפּל פון די בערג איז צעגאנגען און די זון איז ארויסגעקראָכן פון הינטער די בערג. ריווקין האָט זיך א זעץ געטאָן אף סאָקאָלן און האָט זיך אוועקגעלאָזט א קוק טאָן, צי קאָן מען נאָך ארבעטן. זיצנדיק אפן פערד, האָט ער דערזען די טײַכלעך, וואָס זײַנען איבער נאכט צוגעקומען אפן אינדזל, און די, וואָס זײַנען שוין פון פריִער געווען, האָבן זיך אזוי פארגרעסערט, אז נאָך איין טאָג וועלן זיי זיך אלע פאראייניקן און פארגיסן קימאט דעם גאנצן אינדזל.

צו די קאָפּנעס האָט שוין געפירט א וואסער=וועג. דאָס וואסער האָט דערגרייכט ביז סאָקאָלס בויך. די קאָפּנעס זײַנען געווען האלב פארטרונקען. נאָך איין טאָג און זיי וועלן אינגאנצן דערטרונקען ווערן. ער האָט גיך א טאפּ געטאָן מיט די אויגן דעם ארום, ארומגעריטן דעם פלאץ און, אויסגעפינענדיק דאָס העכסטע אָרט, ווו דאָס וואסער איז נאָך ניט צוגעקומען, האָט ער א דריי געטאָן סאָקאָלן אף צוריק און צו זיך אליין א זאָג געטאָן: „מע דארף ארויסראטעווען וויפל ס'וועט זיך לאָזן". ער האָט זיך צוריק אוועקגעלאָזט צו די בײַדלעך, אופגעוועקט די קאָמונארן און אף די פופצן פערד האָבן זיך אָנגעזאָטלט פופצן יונגען, וואָס האָבן זיך אוועקגעלאָזט אפּארבעטן דעם לעצטן טאָג.

— קיין נאסע ניט לייגן! — האָט ריווקין אויסגעשריִען, — אראפּנעמען ביזן נאסן שיכט, פארלייגן א פונדאמענט פאר א סטויג פון דרײַ טויזנט פוד!

די פופצן יונגען זײַנען געווען די בעסטע, די שטארקסטע, די איבערגעגעבנסטע. רובין מיט פּײַוּוקען האָבן זיך אויך דאָ צוזאמענגעטראָפן. איצט האָבן זיי זיך צוזאמענגעטראָפן מיט ווילעם אין די הענט. ערשט דאָ, באם טראָגן די פולע שווערע ווילעם היי צום סטויג, גייענדיק א גאנצן טאָג אין וואסער און ארבעטנדיק מיט גוואלדיקער אײַנגעשפּארטקײַט, ערשט דאָ, האָט פּײַוּוקע א טראכט געטאָן פון רובינען:

„אָט א יאט, געקומען מיט א ווײַסן קאָלנער, מיט א ווײַסן פּאָנעם,

מיט ווײַסע הענט, מיט א דינער הויט, אנ אמעריקאנעצ, אונ אָט ווי ער גיט א פלייצע, ווי אנ עמעסער נאש בראט". ער האָט נאָכגעקוקט רובינס ארבעט. ס'איז אים, דעם גרויסנ מיוונ אפ שווערער ארבעט, זייער געפעלנ געווענ דער אויפנ, ווי רובינ זעצט מיט אימפעט די ווילע אינ דער קאָפנע. ער זעצט זיכ דערבײַ אראָפ, די צוויי הענט גיט ער א שפאר אונטער אונ טוט א נעמ די קאָפנע איבערנ קאָפ אונ טראָגט זי צומ סטויג, דערבײַ ווערט דאָס פאָנעמ זײַנס רויט, די אָדערנ אונטער די אויערנ ציִענ זיכ אָנ, ווי די שטריק אפ א פערד, ווענ דער וואָגנ איז זייער א שווערער. אונ ער רוט ניט, רובינ, ער ארבעט פלײַסיק. די הויזנ זײַנענ איבער די קניִענ פארשארט, ער שפרײַזט אינ וואסער מיט די אָנגעביסענע פיס אונ ארבעט גיכ, ווי ער וואָלט זיכ ערגעצ זייער שטארק געײַלט. פיווקע ארבעט לעבנ אים אונ ער גייט מיט אים שטיל אינ געוועט: ווער וועט פריִער אָנעמענ א ווילע היי אונ ווער וועט זי פריִער דערלאנגענ צומ סטויג. אונ ער איז פול מיט פרייד פונ רובינענ, פונעמ אמעריקאנעצ, וואָס איז געוואָרנ א „נאש בראט"... אונ ניט נאָר רובינ מיט פיווקענ ארבעטנ איצט אזוי, איצט ארבעטנ אלע מיט אלע קויכעס. די מאָטאָרנ זײַנענ געלאָזנ אינ פולסטנ גאנג. די אָדערנ אונטער די אויערנ זײַנענ בא אלעמענ אָנגעצויגנ אונ די קאָפנעס זיצנ אפ די ווילעס ווי גרויסע ריזנ־קעפ אפ באָרוועסע פיס, וואָס שפרײַזנ אינ וואסער צומ גרויסנ סטויג היי, אפ פאראייניקנ זיכ מיט אים, אויסוואקסנ אינ א בארג אונ ניט לאָזנ זיכ צעשווענקט ווערנ פונ דער פארפלייצונג.

אָפגעארבעט האָט מענ ביז אינ דער שפעטער נאכט ארײַנ. דאָס וואסער האָט זיכ געהויבנ. די פיס זײַנענ שוינ איצט געווענ ווי וואסער־מעסטערס. איצט האָט שוינ יעדער אײנער געשעפט פולע קעשענעס מיט וואסער אונ אָפנ וועג צו די בײַדלעכ, האָבנ זיכ די פערד געצויגנ אפ די בײַכער אונ געהויבנ די קעפ.

בא די בײַדלעכ האָט מענ אָפגערוט. מע האָט זיכ אָפגעטרייסלט, ווי פערד, ווענ זיי קומענ פונ א גאָר ווײַטנ וועג. כעווּרע האָט זיכ דערפילט ווי פרי־געקומענע געסט, וואָס זײַנענ געלאָפנ ערגעצ אפ א כאסענע, געיאָגט די פערד, געײַלט זיכ ניט צו פארשפעטיקנ. איצט ווײַזט זיכ גאָר ארויס, אז זיי זײַנענ געקומענ די ערשטע. די מעכוטאָנימ מיטנ כאָסנ זײַנענ נאָכ ניטאָ...

— איז וואָס־זשע האָט מענ זיכ געדאַרפט אײַלנ? — פרעגט זלאָטקינ, — דער כּאָסנ איז דאָכ נאָכ ניטאָ.

— קוק ניט אַפ דעמ, וואָס דער אַמור שפּילט איצט ניט. ער קאָכט איצט פונ אינעווייניק, ער זעצט אַרויפ דאָס וואַסער, זע ווי דער אינדזל האָט זיכ אָנגעפילט, זע וויפל טײַכלעכ ס'זײַנענ אויסגעוואָקסנ. איבער נאַכט קאָנענ מיר זײַנ אַרומגערינגלט פונ אַלע זײַטנ מיט וואַסער.

— דאָס גייט נאָכ אַלצ דער ערשטער וואַל?

— באַמ צווייטנ וועסטו שוינ ניט גיינ.

— וועסט שוינ ליגנ ווי אַ פּעגירע.

— וועסט שוינ שווימענ.

— כעוורע! — שרײַט ריווקינ, — ווייניקער כאָכמעס! ס'פאַרגיסט דעמ שאַלאַש. דאָס וואַסער קריכט פונ די זײַטנ. די מאַשינעס לאָמיר צושלעפּנ צו די בײַדלעכ. באַ די פערד דאַרפ מענ אַ וואַכ אַוועקשטעלנ.

שלעפּט מענ די מאַשינעס צו די בײַדלעכ און מע קוקט מיט כשאַד אַפנ אַמור. און דער אַמור איז רויִק, שטורעמט ניט, אַ גלאַטיקע אויבערפלאַכ ליגט צעשפּרייט ווי אַ גלאַטיק שטיק פלאַכלאַנד. נאָר די זײַטנ געשווילנ אָנ. איצט דאַרפ מענ שוינ ניט אַראָפּגיינ צומ ברעג נעמענ וואַסער, אָדער וואַשנ זיכ, איצט איז גענוג אויסצוציִענ די האַנט, דערלאַנגט מענ דעמ אַמור.

באַנאַכט האָט די וואַכ אָנגעזאָגט:

— דער אַמור האָט זיכ צעשטורעמט, ס'רײַסט שטיקער פונ ברעג. ווילדע ציגנ קומענ אָנ צו לויפנ פונ די בערג. דער אַמור האָט דורכגעריסנ דעמ צווייטנ ברעג. דאָס וואַסער שטײַגט און פאַרגיסט דעמ גאַנצנ אינדזל!

דער אַמור האָט ווירקלעכ געריסנ די ברעגנ. פונ די דורכגעריסענע ברעגנ האָט זיכ דאָס וואַסער געצויגנ צו די בײַדלעכ. דער גאַנצער אינדזל האָט איצט אויסגעזענ ווי אַ גרויסער טײַכ און אַפנ טײַכ שטייענ סטויגנ היי. די קאָמונאַרנ מיט די פערד, מיט די מאַשינעס זײַנענ געבליבנ אַפ אַ שמאָל פּאַסיקל ערד. אַרומ און אַרומ איז וואַסער. אָט, דאָס פיצל ערד איז דאָס העכסטע אָרט פונ אינדזל. נאָר דאָס פיצל ערד ווערט אַלעמאָל שמעלער און קירצער. פונ דרײַ זײַטנ

קריכט דאָס וואַסער און פון דער פערטער זײַט רײַסט דער אמור דעם ברעג.

פונעם פּאַרטיי־און קאָמיוג־קעמערל איז געבליבן ריוווקין, רובין און זלאַטקין. זיי האָבן באַשלאָסן טײַקעפּ אַפּשיקן אַלע מענטשן אויסער זיי דרײַ און פּײַוווקען, וואָס בלײַבן וואַרטן אָפּ אַ רעטונג־קאַטיער. מיט די אָוועקגעשיקטע מענטשן האָט מען איבערגעגעבן: דער טאַרעבאַרעוועך אינדזל איז קימאַט ווי פאַרפלייצט. אָפּן אינדזל זײַנען געבליבן פיר קאָמונאַרן מיט פופצן פערד. זיי געפינען זיך אָפּן לעצטן פּיצל טריקעניש. אַרום און אַרום איז וואַסער. דער אַמור שטורעמט. עס גייט דער צווייטער וואַל. אויב מע וועט ניט אָנעמען קיין עקסטרע מיטלען, וועלן די מענטשן מיט די פערד אומקומען.

— ציט גיכער! רודערט אויף די פאַרוואַלטונג! גיט איבער דער געפּעאו! — האָט ריוווקין נאָכגעשריִען די שיפלעך, וואָס האָבן גיך געצויגן צום צווייטן ברעג, זוי אַ וועגל דורך דער טײַגע, פירט צו דער קאָמונע.

דאָס מאָטאָר־שיפל שנײַדט ווי געוויינלעך צוויי מאָל אין טאָג דעם אמור, נאָר איצט איילט עס גיכער. איצט מאַכט דער מאָטאָר אַ גרעסערן רויש אָפּן אמור. דאָס שיפל לויפט מיט גאָר וואַזשנער פאַרנומענקײַט. ס׳זעט אויס, אַז צו די גאָר וויכטיקע שליכעסן איז צוגעקומען נאָך איינע, עפּעס גאָר אַ וויכטיקע שליכעס. די קאָמונאַרן, וואָס זײַנען געבליבן זיצן אָפּן פּאַסיקל ערד, וואָס ווערט אַלץ שמעלער און שמעלער, קוקן נאָך דעם גיכן דורכלויף פונעם מאָטאָר־שיפל און הערן זיך צו מיט בענקשאַפט, ווי דער מאָטאָר־רויש פאַלט און לעשט זיך, ווי דאָס שיפל פאַרשווינדט אין דער ווײַט. די קאָמונאַרן וואַכן אין די נעכט אַלע פיר, באַטאָג שלאָפט מען לויט דער ריי. אַלע וואַכן זיי בײַ די פערד. מע היט די פערד, פון די פערד וועט מען ניט אָפּטרעטן.

— כ׳האָב באַטראַכט אָט וואָס, — זאָגט ריוווקין, — די פערד וועלן מיר צובינדן צום סטויג און מיר אַליין וועלן אַרויפקריכן אָפּן סטויג.

— דו פאַרנעמסט זיך דאָ צו ווינטערן? — פרעגט פּײַוווקע.

— ניין, ניט ווינטערן, נאָר די פערד וועלן מיר דאָ ניט לאָזן.

— געוויס ניט.

בלײַבט מען זיצן און מע קוקט אָפּן אמור. און דאָס פּאַסיקל ערד ווערט אַלץ שמעלער און שמעלער. דער אמור רײַסט שטיקער פון

ברעג. א פעסל זאַלץ איז פּלוצלינג פאַרשוווּנדן פון ברעג, האָט מען זיך געכאַפּט, אַז דער אַמור האָט עס פאַרשלונגען מיט א היפּשן שטיק ברעג. און פריד איז ניטאָ און קיין קאַטיער זעט מען ניט. הינטער די בערג שפּאַלטן זיך הימלען און די בערג ציטערן.

פאַרנאַכט האָט מען באַמערקט א רויך אויפן אַמור. א שיף האָט געשניטן דעם אַמור אַראָפּ־וואַסער צו כאַבאַראָווסק צו. רובין האָט געגעבן אן אייצע: אַרײַנלייגן א צעטעלע אין א פלאַש און לאָזן שווימען צו דער שיף...

— דײַן אייצע, — האָט פּײַוקע געזאָגט, — איז א גרויס־שטאָטי־שע און גאָר א וואַזשנע, נאָר אויפן צעטעלע שרײַב אָן דעם אַדרעס פון דער שיף, די פלאַש זאָל ריכטיק אָנקומען...

פּײַוקע האָט געפונען אן אַנדער מיטל. ער האָט א כאַפּ געטאָן א שטיק בלעך, גיך אויסגעדרייט א טרובע, א נעם געטאָן ריוקינען אף די אַקסלען און געהייסן אַרײַנשרײַען:

— איבערגעבן אין קאַנטויספּירקאָם, שיקן א קאַטיער, ראַטעווען פּופּצן פּערחד און קאָמונאַרן!..

ס'האָט אויסגעזען ווי די שיף וואָלט פאַרקלענערט דעם גאַנג און אָנגעשפּיצט די אויערן. אויפן דעק פון שיף זײַנען מענטשן אָנגעלאָפן. זיי האָבן געקוקט צום פּאַרטיזאַנקענעם טאַרעבאַרעווער אינדזל, אַרויס־געכאַפּט פון די קעשענעס פּאַפּיר, בלײַפעדערס און גיך פאַרשריבן.

— זיי האָבן געהערט?

— זיי האָבן, דוכט זיך, פאַרשריבן!

— זיי וועלן איבערגעבן!

— הוראַ, פּײַוקע, הוראַ!

אינמיטן טאָג האָט מען דערהערט דאָס איינטאָניקע, נאָר זייער פרייליכע אָטעמען פון א קאַטיער. ס'איז פּונקט געווען אין דער צײַט, ווען אויפן אַמור האָבן זיך ווידער באַוויזן ווײַסע שטיקער שוים, א באַ־ווײַז, אַז דער טײַך סונגאַרי האָט שוין איבערגעגאָסן אין אַמור דעם צווייטן וואַל וואַסער און דער אַמור רײַסט שוין ווידער די ברעגן. דאָס וואַסער האָט שוין געהאַט אונטערגענעצט די בײַדלעך. לענגער בלײַבן אויפן פּאַסיקל ערד, וואָס איז שוין אויך באַלד פּאַרטיזאַנקען גע־וואָרן, האָט מען ניט געקאָנט און די קאָמונאַרן האָבן זיך געגרייט אַרויפצוקריכן אויפן סטויג...

— ס׳קלאפט א קאטיער! — האט זלאטקין, וואס האט נאכגע־שפירט די באוועגונג פון דער לופט, אויסגעשריִען.

אלע האבן זיך א כאפ געטאן. די פערד האבן אויך אופגעהויבן די קעפ און אנגעשטעלט די אויערן.

— א קאטיער!

— מע איז געראטעוועט!

— צוימלען די פערד!

זיי האבן זיך א וואָרף געטאן צו די פערד און זיינען גרייט גע־ווען קושן זיי אין די אויסגעשטרעקטע מאָרדעס אריין. דאס פריילע־כע קלאפעריי האט זיך דערנעענטערט.

— היי! היי! — האט זיך געטראָגן פון קאטיער א געשריי.

— פריד׳...

— יאָ ער...

— צושלעפן נעענטער די מאשינעס, — שרייט ריווקין און ער גיט זיך אליין א שפאן איין אין א שניידמאשין און שלעפט צום ברעג.

זיי האבן געשלעפט די מאשינעס און די אויגן אנגעהאנגען אפן קאטיער, וואס האט געיילט צו זיי.

— ווער פארט דארט מיט פרידן, נאָך עמעצער פארט.

— ווו?

— אט, נאָך עמעצער, אן אלטער.

— פאגרעביצקי?

— יאָ, דער אלטער.

דער גרויער קאָפּ פון דעם אלטן פאגרעביצקי האט געפלאטערט. דער ווינט האט צעשויבערט זיינע זילבערנע האָר, זיינע ברוינע קינ־באקן צוקן, ער איז ערנסט ווי אין א גאָר וויכטיקער שליכעס: ער קומט אין שליכעס פון פארטיי, דער אלטער, ער איז דער סעקרעטאר פון פארטיי־קעמערל פון דער קאָמונע, דער אלטער אמעריקאנער שוסטער, קומט ער אין שליכעס פון דער פארטיי ראטעווען די העל־דישע קאָמונארן מיט די פערד.

— קיין שום מאשינעס! — שרייט דער אלטער, — דעם לעבעדיקן אינווענטאר בלויז. אזא באשטימונג פאראן פון דער רעטונגס־קאָמיסיע באם אויספירקאָם!

בינוהט מען פעסט און שטארק די מאשינעס צום סטויג, מע פאר־קרעמפעוועט זיי מיט קייטן און מיט שטריק און, ארופירנדיק די

פערד אפן בארקאס, לאזט מען זיך שנײדנ דעם אמור אראפ וואסער.

ווען מע איז שוין אפן וואסער, דערמאנט זיך פלוצלינג ריוווקין. גיט זיך א הײב אנטקעגן פאגרעביצקין, גיט א זאג מיטן טאן פון א ראפארט:

— כאוװער פאגרעביצקי, דער פלאן איז אויסגעפילט... אפן טא־רעבארעווער אינדזל ליגט פאחגרייט זיבעציק טויזנט פוד...

— גוט, גוט... — רײסט אים איבער דער אלטער. וועסט ראפאר־טירן שפעטער... אין פארטקאם...

פײוועקע גיט א קוק אפן ברייטן וואסער און עס כאפט אים ארום א מאדנע פרייד. ער גיט זיך א וואלגער אין א ווינקל קאטיער און גיט פלוצלינג א הויכן זונג, פון דער פולער ברוסט:

— „או קיטײצעװ גענעראלי,

ווסיע וואיאקע סמעליע!"...

דער איקער, — זאגט דער אלטער, — מיט פיטער איז די קאמונע פארזארגט, הא?

— א פאקט, — ענטפערט פריילעך ריוווקין און א ניצאכן־פײערל שײנט אופ אין זײנע אויגן.

מאסקווע, אווגוסט 1933.

# אינהאלט.


| | זײַט |
|---|---|
| קאפיטל איינס | 3 |
| קאפיטל צוויי | 10 |
| קאפיטל דרײַ | 16 |
| קאפיטל פיר | 33 |
| קאפיטל פינף | 47 |
| קאפיטל זעקס | 59 |
| קאפיטל זיבן | 77 |


k.a.s.s.r-K.A.S.C.P.


Редактор Годинер. Тех. ред. С. Абрам. Корректор Биттер.
Сдано в производство 3/VI 34 г. Подписано к печати 10/VII 1934 г.
Формат бумаги $82\times110^1/_{32}$. $6^1/_4$ п л. 37000 п. зн. в п. л.
Уп. главлита В—83633. Тираж 2000 экз. «Эмес» 31.

Типография изд-ва «Эмес», Москва, Покровка, 9. Зак. 516.

21735

רוב., 1 руб

Х—2

**М. ГОЛЬДШТЕИН**

**БИРОБИДЖАНЦЫ НА АМУРЕ**

...-во „Эмес“, Москва, Старопанский пер., 1.